STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08367

SHOTNS OYF DER ZUN

Bertha Lelchuk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערטאַ לעלטשוק

שאָטנס אויף דער זון

מיינע טאַטע־מאַמע געווידמעט

Copyright by
BERTHA LELCHUK, NEW YORK
NOVEMBER, 1938

▼

פאַרלאַג „סיגנאַל" באַם „פּראָלעטפּען"

מיט דער באַטייליקונג פון

בראַנטש 10 פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York 253

אַ בראָדווייער פאַרגעניגן

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ גאָלדענער האַרבסט. אין די סקווערן זיינען געלעגן קופעסווייז די אָראָפגעפאַלענע בלעטער פון די ביימער. טרעטסט אָן אויף אַ בלאַט, דאַכט זיך דיר, אַז דו טרעטסט אָן אויף אַ לעבעדיקער זאַך...

די גאַסן־קערער האָבן אומזיסט פאַרקערט די בלעטער. באַלד זיינען אַנדערע געפאַלן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די בלעטער שפילן צעלאָכעס מיט די גאַסן־קערער.

אין דעם ליכטיקן פרימאָרגן איז אין אַ פינצטערן קעלער געלעגן די קראַנקע מערי. מערי איז נאָך יונג. נאָר איר פנים איז פאַרקנייטשט און פאַרטריקנט, ווי די בלעטער אין דרויסן.

שוין אַ יאָר איז פאַראיבער זינט מעריס מאַן איז געשטאָרבן. זי איז געבליבן מיט צוויי פיצלעך קינדער. אָן אַ פעני ביי דער נשמה. אוי, האָט זי זיך אָנגעליטן. זי איז געגאַנגען אויף טאָג־אַרבעט. די קינדער געלאָזן אָן עסן. און אַז זי איז געקומען אַהיים מיט אַ פעקל עסן אונטערן אָרעם, זיינען איר די קינדער באַפאַלן הונגעריקע און צערייצטע פון אַ גאַנצן טאָג וואַרטן. זיי האָבן געשלונגען שטיקער ברויט און דערנאָך ביינאַכט זיך געקאַטשעט אויף די בייכלעך.

מערי האָט געוואַשן פענצטער, געשייערט פאָדלאָגעס, וועש געוואַשן. וואָס האָט זי ניט געטאָן! דאָס האַרץ איז איר ניט איינמאָל אַרויסגעפאַלן ביי דער אַרבעט. ווער ווייסט וואָס מיט אירע קינדער איז געשען? אַליין אין הויז. אפשר האָבן זיי דאָס פענצטער געעפנט און זיינען אַרויסגעפאַלן.

ניט איינמאָל איז פון אַזעלכע געדאַנקען איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, און זי איז געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע, פאַר׳חלש׳טע הענט אינמיטן דער אַרבעט.

פון דער שווערער אַרבעט, פון דעם שטענדיקן זאָרגן וועגן די קינדער, איז מערי איינגעגאַנגען.

איצט ליגט זי אַ פאַר׳חלש׳טע אויפן בעט און קען זיך ניט אויפהויבן.

דאָס קליינע קינד וואַלגערט זיך לעבן איר און פאַרגייט זיך פון געוויין.

דער זיבן־יאָריקער דזשימי שטייט לעבן דער מאַמען, קוקט אויף איר. פאַר דער צייט זינט די מאַמע ליגט קראַנק איז דזשימי אַ גרויסער געוואָרן. טראַכט דזשימי: ער וועט גיין אויף דער רייכער בראָדוויי. אַזויפיל רייכע!

ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון הויז. זיין אויסגעדאַרטער קערפּער האָט אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע שמאַטעס. ער איז געגאַנגען צום „סטיישאָן". צוגעקומען צום פענצטערל, האָט דזשימי אַ לייג געטאָן אַ ליידיק פויסטל, אַ דריי געטאָן דאָס רעדל און איידער די קאַסירערין האָט זיך אַרומגעזען, איז שוין דזשימי געווען אין סאָבוויי.

ער האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געציטערט פון קעלט.

דער קאָנדוקטאָר רופט אויס די גאַסן. דזשימי זיצט אָנגעשפּיצט די אויערן און הערט זיך צו.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי אימיצער וואָלט אים אָנגערופן ביים נאָמען — „טיימס סקווער!"

אָט דאָ־אָ דאַרף ער אַראָפּגיין.

ער שטייט אין מיטן גאַס און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. אויטאָמאָבילן און קאַרס יאָגן זיך ווילד. מענטשן לויפן, יאָגן זיך. וואוהין לויפן אָט די אַלע מענטשן? ער האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ וואַנט, אויסגעשטרעקט זיין הענטל און שטיל געבעטן:

— גוטע מענטשן, אַ פּעני פֿאַר מיין קראַנקער מאַמען.

קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. קיינער האָט אים ניט געזען.

דזשימי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט דערזען אין אַ שויפֿענצטער פֿון אַ גרויסער ציגאַרן־קראָם אַ בלעכן מענטשל. דאָס בלעכענע מענטשל טאַנצט און רופֿט די פֿאַרבייגייער.

דזשימי האָט זיך צוגעקוקט ווי דאָס מענטשל מאַכט מיט די פֿיס, און אינסטינקטיוו האָט ער אויך אָנגעהויבן טאַנצן. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ קלאַנג פֿון געלט הינטער זיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ ניקל. אַ גאַנצן ווייסן ניקל. ער וועט קענען קויפֿן ברויט.

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ניקל, און, ווען ער איז שוין געווען נאָענט, האָט ער דערזען אַ גרויסן מענערשן שוך. אַ גלאַנציקן, ווי מיט וואַסער באַגאָסן. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און דערזען אַ מאַן אין רייכע קליידער. דער מאַן האָט געלאַכט צו אַ לײדי. ער האָט מיטן פֿוס אַ שטופּ געטאָן דזשימין און געזאָגט:

— טאַנץ, ניגערל, וועסטו קריגן דעם ניקל.

ער וועט קענען קויפֿן פֿאַר זיין מאַמען ברויט און דאָס קליינע ברודערל וועט אויפֿהערן וויינען.

זיינע פּיסלעך האָבן זיך געהויבן אין דער לופֿטן.

דזשימי טאַנצט און איז שוין מיד. אָבער דער גוטער הער הויבט נאָך אַלץ ניט אויף דעם פֿוס פֿון דעם ניקל. דזשימי טאַנצט און עס טאַנצן ווייסע גלאַנציקע ניקלס פֿאַר זיינע אויגן.

וואָס וועט ער ניט קויפֿן? און די מאַמע וועט זיך פֿרייען און ווערן געזונט.

פֿאַר פֿרייד פֿאַלט דזשימי אויף דער ערד און הויבט אָן זיך קוליען. ער האָט דעם קאָפּ פֿאַרקלאַמערט צווישן די פּיסלעך און קוליעט זיך. ער הערט ווי מען לאַכט און עס קלינגען פּעניס. אמת׳ע פּעניס. ער בלייבט ליגן און מיט גיריקייט שאַרט ער דאָס געלט

צו זיך. דער רייכער מאַן קייכט פון געלעכטער. ער איז אַזאַ רויטער ווי אימיצער וואָלט אים מיט בורעק־באַרשט אָפּגעגאָסן.

— נעם דעם ניקל, ניגערל, האָסט אים פאַרדינט.

דער מאַן לאַכט העפלעך צו דער לידי און שאַרט צו דזשימין דעם ניקל.

דזשימי פאַלט אַרויף אויפן ניקל. ער הערט ווי מען לאַכט. ער קוקט זיך אַרום. אַ סך ווייסע מענטשן שטייען אַרום אים. און פעניס פאַלן.

ער קלייבט אויף דאָס געלט, פאַרקוועטשט עס שטאַרק אין פויסט און קוליעט זיך ווידער. קיין געלט פאַלט ניט מער. ער זוכט מיט די גרויסע אויגן. זיין גאַנצער פנים איז איצט נאָר אויגן.

די מענטשן הויבן אָן זיך פאַנאַנדערצוגיין. דזשימי פאַרשטייט, אַז ער וועט שוין מער קיין געלט ניט קריגן. ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל, אַז די קינדער פון גאַס האָבן אים אויסגעלערנט טאַנצן מיטן בויך.

ער שטעלט זיך אויף. טראָפּנס שווייס קייקלען זיך איבער זיין קליינעם שטערן. ער שטייט אויף איין אָרט, נאָר זיין בויך ציטערט און פעניס פאַלן ווידער. דזשימי הויבט זיי ניט אויף. ער רירט זיך ניט פון אָרט, ווי אימיצער וואָלט אים צום פלאַץ צוגעקלאַפּט. ער זעט שוין קיינעם ניט, נאָר זיין בויך ציטערט.

אַרום אים לאַכט מען:

— קוקט נאָר אָן דעם שוואַרצן חברה׳מאַן.

— וואָס אַ ניגער קאָן!

דזשימיס בויך טאַנצט. פּלוצלונג האָט זיך זיין קערפּער אָנגעהויבן וואַקלען.

אַ קלאַפּ אָן דעם טראָטואַר האָט אָפּגעשטעלט דאָס געלעכטער.

דאָס איז דזשימי געפאַלן אַ פאַר׳חלש׳טער. זיין פויסטל האָט זיך צעעפנט און די אויפגעקליבענע פעניס האָבן זיך צעשאָטן אויפן טראָטואַר.

מירענדאַ

די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל. דער דרויסן איז געווען אַ ליכטיקער, אַ זומערדיקער. אויף אַ ניט־פאַרבויטן פּלאַץ צווישן צוויי הייזער האָבן זיך געשפּילט קינדער.

ניט ווייט פון זיי איז געשטאַנען די קליינע מירענדאַ, דעם נייעם שוואַרצן דזשעניטאָרס מיידעלע. זי איז געשטאַנען פאַרגאַפט און זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן: אַזויפיל ווייסע קינדער. ס'זיינען גאָר קיין שוואַרצע ניטאָ. און עס דאַכט זיך איר, אַז די זון שיינט אַנדערש, ליכטיקער, העלער.

שטייענדיק דאָ, האָט זי אויסגעזען ווי אַ שאָטן פון אַ ווייס קינד... צוויי רחמנות־אויגן אונטער אַ שטערן, ווי ביי אַ ליאַלקע, האָבן נייגעריק באַטראַכט די קינדער. דאָס ערשטע מאָל האָט די קליינע מירענדאַ דערזען אַרום זיך אַזויפיל ווייסע קינדער. אויף איר ברוין שטערנדל האָבן זיך אויסגעלייגט קנייטשן, ווי ווערימלעך. זי וואָלט איצט אויך געוואָלט זיין אַ ווייסע, אויסמישן זיך מיט די קינדער. זי האָט זיך געזעצט אויפן גראָז, פאַרשאַרט די פיסלעך הינטער זיך און באַהאַלטן די שוואַרצע הענטלעך אויף הינטן. זי האָט געקוקט אויף איר ווייס קליידל און ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי איז אויך אַ ווייסע.

זי האָט נאָכגעקוקט ווי די קינדער שפּילן זיך, מאַכן אַ גרויסן אויוון פון זאַמד, גרייטן צו קיכעלעך אויף אַלטע דעקלעך. מירענדאַן באַפאַלט אַ חשק צוצוגיין צו די קינדער און אויך זיך שפּילן מיט זיי. זי פאַרגעסט אין גאַנצן וואָס איר מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זיך ניט שפּילן מיט קיין ווייסע קינדער, ווייל זיי וועלן

איר שלאָגן און זי טאָר ניט צוריקשלאָגן. ווייל דער טאַטע קען פאַרלירן זיין אַרבעט. און זיי וועלן בלייבן אָן ברויט.

זי גייט צו נעענטער צום שפּיל־פּלאַץ, נעמט אַביסל זאַמד און וויל אויך מאַכן קיכעלעך. דער רויט פאַרספּעטער טשאַרלי האָט עס באַמערקט און איז צוגעלאָפן צו מירענדאַן, זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר די האָר און אַ שלײדער געטאָן אויף דער ערד.

— דו ניגער! זי נעמט גאָר אונדזער זאַמד.

פון דעם געשריי האָט זיך חברה אַ כאַפּ געטאָן ווי פון שלאָף און ווי נאָך אַ באַפעל זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קליינער מי־רענדאַ. באַלד האָט אַ באַרג פון קינדער באַדעקט איר קערפּערל. הענטלעך און פיסלעך האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט אין דער לופטן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע שפּין באַפאַלט אַ פליג.

מירענדאַ האָט ניט געפילט ווי מען שלאָגט זי. זי האָט נאָר גע־הערט: ניגער, ניגער! און דאָס וואָרט האָט איר געקלאַפּט אין די אויערן. אַ מאָדנעם ווייטיק האָט איר פאַרשאַפט דאָס וואָרט. און אומדערוואַרט פאַר דער חברה האָט זי זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסן פון זייערע הענט, זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן זיי און אָנשטאָט צו וויינען, האָט זי זיך די קינדער אויף צעלאָכעס צעלאַכט:

— כי, כי, כי! — קורץ, אָפּגעהאַקט האָט זי געלאַכט, ווי אימיצער וואָלט איר געלעכטער געשניטן מיט אַ מעסער. זי איז גרייט געווען גיין אין מלחמה קעגן זיי אַלע. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיזט, די פויסטן פאַרקראַמפּטע האָבן געדראָט. זי איז גרייט געווען ווי אַ צערייצט הינטל זיך וואַרפן אויף זיי אַלע.

חברה זיינען פון אומדערוואַרטונג געבליבן שטיין. און דאָ האָט זיך מירענדאַ דערמאָנט דער מאַמעס רייד:

— טאָרסט קיין ווייסע קינדער צוריק ניט שלאָגן. דער טאַטע וועט פאַרלירן די אַרבעט און מיר וועלן קיין ברויט ניט האָבן.

מירענדאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב.

ערשט דאָ האָט זי זיך צעוויינט. געפאַלן דער מאַמען אויפן שויס, זיך איינגעוויקלט אין דער מאַמעס קלייד און געכליפּעט.

— וואָס איז, מירענדאַ, מירענו... ווידער געשלאָגן? — און זי אַליין האָבן טרערן געוואָרגן.

— אָרעמע מירענדאַ...

זי האָט געוואָלט אַרויס אין דרויסן ווי אַנדערע מאַמעס, אָנ־נעמען זיך פאַר איר קינד, אָפּרעכענען זיך מיט די קינדער פאַר איר מירענדאַ. זי איז אָבער געבליבן זיצן שטיל, געשלוכצט און זייער ביידנס געוויין האָט זיך אויסגעמישט.

די טיר האָט זיך געעפנט און דער הויכער, ברייטפּלייציקער טאַטע איז אַריין, געבליבן שטיין, אַ ווײַלע זיי באַטראַכט. אַ ווינקל פון זיין מויל האָט אַ צוק געטאָן. אים איז אַלץ באַלד קלאָר געוואָרן. און, כדי צו מאַכן פאַרגעסן דעם ווייטיק, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נו, גייט אַרבעטן, די צייט וואַרט ניט.

מירענדאַס מאַמע איז צוגעגאַנגען צום וואַש־טאָפּ און גענומען וואַשן די וועש. מירענדאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט, אָפּגעווישט די טרערן מיט די הוילע, שוואַרצע הענטלעך און איז צוגעגאַנגען צום „סינק". זי האָט צוגעשטעלט אַ בענקעלע און זיך געשטעלט וואַשן די כלים. אירע קליינע שוואַרצע הענטלעך זיינען געשווינד געלאָפן איבער די ווייסע טעלער. פּלוצלונג האָט זי אויפגעהערט וואַשן, אויף איר ליאַלקע־שטערן האָבן זיך ווידער צעלייגט קנייטשן ווי ווערימלעך. זי האָט זיך געווענדט צו איר מאַמען און געפרעגט:

— פאַרוואָס בין איך אַ שוואַרצע, מאַמע? פאַרוואָס בין איך ניט אַזאַ ווייסע ווי עלמאַ. עלמאַ איז אַזאַ ווייסע און העלע האָר האָט זי. איך וואָלט זיך אויך געקענט שפּילן מיט אַלע קינדערלעך.

— ווייל דיין מאַמע איז אויך אַ שוואַרצע.

איז מירענדאַ ווייטער צוגעשטאַנען:

— און פאַרוואָס ביסטו אַ שוואַרצע?

איר מאַמע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, זיך פֿאַרלוירן און דערנאָך געענטפֿערט אַ פֿאַרקלעמטע:

— אוי, קינד מײַנס, שוואַרצע זײַנען אויך גוטע מענטשן.

מירענדאַ איז געבליבן שטיין. די נאַסע הענטלעך אַראָפּגעלאָזן, די קנײַטשן אויפֿן שטערן, ווי ווערימלעך, זײַנען נאָך ניט פֿאַרשוואונדן. איין פֿראַגע נאָך דער אַנדערער איז געבוירן געוואָרן אין איר קעפּל: פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?...

זי האָט געקוקט אויף איר מאַמעס פֿאַרווייטיקט פּנים און ניט געוואַגט מער צו פֿרעגן.

די טאַנטע פון נאָרפאָלק

די האָט געדעדט פּאַמעלעך, געצײלט די װערטער, אַזױ װי יעדעס װאָרט װאָלט איר טײַער געקאָסט.

— שױן װיפיל יאָר, אַז איך האָב אײַך ניט געזען?

מאַן און װײַב זײַנען געשטאַנען אַנטקעגן און קײן װאָרט ניט געקענט אַרױסרעדן. זײ האָבן נאָר פאַרלױרן געשמײכלט: װער װאָלט זיך געריכט אַז די טאַנטע פון נאָרפאָלק זאָל אַראָפּקומען צו זײ אַזױ אומדערװאַרט?

— װאָס שטײסטו? בעט די טאַנטע זיצן.

די טאַנטע האָט זיך געזעצט. רואיק האָט זי באַטראַכט מיט די אױגן די משפּחה, װי מען באַטראַכט זאַכן אין אַ געשעפט. איר אײביקער „אײדעלער" שמײכל איז ניט אַראָפּ פון אירע ליפּן:

— אַמאָל אַ קלײן מײדעלע געװען און איצט שױן אַ מאַמע פון אַ טאָכטער.

די זעקס־יאָריקע סטעלאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, װי אימיצער װאָלט זי פון שלאָף אױפגעװעקט. זי איז געװען פאַרנומען מיט באַטראַכטן די קלײדער אױף דער רײַכער טאַנטע. אַ ברילִיאַנטענע שפּילקע האָט געפינקלט אױף איר ברוסט. סטעלאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערמאָנט, אַז זי גײט אָנגעטאָן אין אַן אַלט צעריסן קלײדל. זי איז אַרױסגעלאָפן אין צװײטן צימער, אַרױסגעשלעפּט אַן אַלטן טשעמאָדאַן פון אונטער דעם בעט און אױף שנעל מיט די קלײנע הענטלעך איבערגעװאָרפן די זאַכן. ענדלעך האָט זי געפונען איר אײנציק יום־טובֿ׳דיק קלײדל. זי האָט זיך אױף שנעל איבערגעטאָן. איצט האָט זי שױן ניט װאָס צו זשאַלעװען דאָס קלײדל,

די רייכע טאַנטע פון נאַרפּאַלק וועט איר געוויס קויפן אַ שענער קליידל און שיך אויך, און אַ ליאַלקע וואָס עפנט און פאַרמאַכט די אויגן...

— סטעלאַ, קום אַהער! וואָס האָסטו זיך פאַרשעמט? די טאַנטע וויל דיך זען.

סטעלאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אויף שנעל אָנגעשפּיגן אויף די הענטלעך און צוגעגלעט די האָר. זי איז צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער טיר און האָט זיך אײַנגעשפּיגלט.

סטעלאַ שטייט לעבן דער טאַנטע. עס שלאָגט פון דער טאַנטע מיט פּאַרפיום. ס'אַראַ ווייכע הענט די טאַנטע האָט, ניט ווי ביי איר מאַמען, פאַרהאַרטעוועטע פון שווערער אַרבעט.

סטעלאַ האָט געהערט די מאַמען ניט איינמאָל דערציילן וועגן דער רייכער טאַנטע מיט די דינסטן און וועגן אירע ניין צימערן. סטעלאַ קוקט אויף דער טאַנטע און טראַכט: וואָס טוט זי אין די ניין צימערן? די דילן זיינען דאָרטן גלאַנציקע און גליטשיקע. און זי, סטעלאַ, וואָלט געקענט כאַפּן אַ גליטש אויפן דיל.

— סטעלאַ הייסטו? — פרעגט די טאַנטע. און סטעלאַן קלאַפּט אין האַרצן. זי קען קיין וואָרט ניט אויסרעדן. אָט, אָט וועט די טאַנטע זאָגן וואָס זי האָט געבראַכט פאַר איר. זי הערט שוין ניט מער דער טאַנטעס רייד, אַזוי ווי זי וואָלט גאָר אין צימער ניט געווען. סטעלאַ זוכט מיט די אויגן אַ פּעקל לעבן דער טאַנטע. און קיין פּעקל איז ניטאָ. סטעלאַ נישטערט מיט די אויגן איבערן גאַנצן צימער, אָבער קיין פּעקל זעט זי ניט. וואָס? די טאַנטע האָט פאַר איר גאָרניט געבראַכט?

די מאַמע האָט אָנגערירט סטעלאַן פאַרן אַקסל:

— סטעלאַ, פאַרוואָס ענטפערסטו ניט? קענסט ניט רעדן?

סטעלאַ שמייכלט און טראַכט אַלץ וועגן דער מתנה. זי הערט ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן:

— גיי אַרונטער און קויף איין פּרוכט און אַנדערע גוטע זאַכן. זאָג דעם קרעמער, אַז די טאַנטע פון נאַרפאָלק איז געקומען און מיר וועלן אים אָפּצאָלן דעם גאַנצן חוב. ער וועט דיר געבן אַן געלט.

דער טאַטע איז אַרונטער. די מאַמע רעדט צו דער טאַנטע און פאַרריכט דעם טישטוך אויפן טיש. זי שטעלט אויס די שטולן.

— האָט די טאַנטע דערהאַלטן אונדזערע בריוו? מיר האָבן קיינ־מאָל קיין ענטפער ניט באַקומען. און די צייט איז אַזאַ שלעכטע.

— יאָ, איך האָב זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אייך. נאָר שרייבן איז ניט געווען קיין צייט. שטענדיק פאַרנומען, יו נאָו. דער אָנקל מיט די געשעפטן, און איך... — די טאַנטע גענעצט. זי איז מיד פון פאָרן.

— ביי אייך אין ניו יאָרק מיט די סאָבווייס — אַ שרעק!

אָט איז אַרויפגעקומען דער טאַטע. ער טראָגט אפשר צען פּעקלעך אויף זיך. זיין פּנים זעט מען כמעט ניט אַרויס. סטעלאַס פאַנטאַזיע מאָלט אויף שנעל אויס אַלץ, וואָס אין די פּעקלעך קען זיין.

אָט צענעמט די מאַמע די פּעקלעך: וויינטרויבן גרינע און שוואַרצע. גרויסע ניס. צוקערקעס. די מאַמע צעשטעלט עס אַלץ אויפן טיש. אין קיך זידט שוין אַ טשייניק וואַסער. טיי פאַר דער טאַנטע.

דער טאַטע רוקט צו דעם טיש צו דער טאַנטע: עס זאָל איר זיין באַקוועמער. די טאַנטע שמייכלט: עס ציט איר אין האַרצן. זי האָט אַ שעה צייט קיין קאַפּ וואַסער אין מויל ניט געהאַט. די מאַמע פאַרעט זיך נאָך אַלץ. דריי גלעזער טיי שטייען שוין אויפן טיש. אָן סטעלאַן האָט די מאַמע אין גאַנצן פאַרגעסן. די גוטע טאַנטע טראָגט צו סטעלאַן אַ גרויסן נוס. סטעלאַ נעמט דעם נוס און אין איין מינוט הערט זיך אַ קנאַק. דאָס האָט סטעלאַ צעקלאַפּט דעם

נוס צווישן טיר. דער נוס איז צעפאַלן געוואָרן אויפן דיל. סטעלאַ קלייבט צונויף די שטיקלעך און לייגט זיי אין מויל אַריין.

די טאַנטע טרינקט טיי און דערציילט פון איר געלערנטער טאָכטער.

דעם טאַטנס און דער מאַמעס טיי שטייט ניט גערירט.

— פאַר דער גאַנצער צייט איז די טאַנטע גאָר אין ניו יאָרק ניט געווען? — פרעגט די מאַמע.

— געווען, געווען. ניט איינמאָל געווען. אָבער, אַז מען קומט אין ניו יאָרק, איז מען אַזוי ביזי, יו נאָו, אַז עס איז ניטאָ קיין צייט זיך אַראָפּצוכאַפּן צו אייך.

די מאַמע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט: — איר ווייסט, עס איז זייער אַ שווערע צייט, מיין מאַן אַרבעט שוין ניט באַלד אַ יאָר צייט. האָבן מיר געשריבן בריוו צו אייך...

די טאַנטע לייגט „איידל" אַריין אין מויל איין ווייַנטרויב נאָכן צווייטן, און זיפצט אָפּ:

— יאָ, יאָ אַ שווערע צייט איצט. אַלע לעבן איצט איבער אַזאַ צייט.

יאָ, זי וויל דערציילן דער טאַנטע וועגן די חובות וואָס זיי האָבן. און ווי זיי האָפן אויף דער טאַנטע, אַז זי וועט זיי אַרויסהעלפן. זיי וועלן איר אָפּגעבן מיט דער צייט, ווען איר מאַן וועט קריגן אַרבעט. אָט די ווערטער ווערן געבוירן, נאָר עס איז שווער זיי צו זאָגן דער טאַנטע.

— יאָ, מירן אָפּגעבן, — רייסט זיך אַרויס פון איר מויל: זי שמייכלט פאַרלוירן.

די טאַנטע באַטראַכט דאָס צימער.

— אַ פיין צימער. וויפיל האָט איר, צוויי? גאַנץ פיין, גאַנץ פיין.

דער טאַטע וויל זאָגן דער טאַנטע, אַז זיי האָבן שוין דריי חדשים קיין רענט ניט געצאָלט, און אַז דער לענדלאָרד דראָט אַרויסצו־וואַרפן זיי אין גאַס.

נאָר די טאַנטע קנאַקט די ניס און דערציילט פון איר לעבן אין נאָרפאָלק.

— עס איז אַ קליין שטעטל. ניט ווי ניו יאָרק, — זי זיפצט אָפּ, — איר מיינט, מיר וואָלט זיך ניט געוואָלט וואוינען אין ניו יאָרק. נאָר אומשטענדן דערלויבן ניט. אַך, איך האָב מיינע גאַנצע יאָרן פאַרלאָרן אין נאָרפאָלק, מיין יוגנט.

זי קרעכצט. און דער קליינער סטעלאַן טוט ווי דאָס האַרץ אויף דער „גוטער" טאַנטע.

— מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען איך בין געקומען אין נאָר־פאָלק, בין איך געווען יונג און שיין. מיינע בעסטע יאָרן אַוועק־געגעבן.

איצט לייגט די טאַנטע אַריין אין מויל אַ צוקערקע און רופט סטעלאַן:

— סטעלאַ, מיידעלע, קום אַהער. נעם אַ קענדי, שעם זיך ניט. זי איז אַ שטילינקע ביי אייך.

די מאַמע שמייכלט פאַרלאָרן. זי וואָלט געוואָלט איצט אַ סך אויסדערציילן דער טאַנטע, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין פון דער קליינער סטעלאַן. ווי זי איז קראַנק געווען, און אָן אַ דאָקטאָר. זי איז שיר פון דער וועלט ניט געגאַנגען, איז דעמאָלט האָבן זיי געשריבן בריוו צו דער טאַנטע, נאָר קיין ענטפער איז ניט געקומען, איז אפשר וואָלט זי איצט... נאָר דאָס אַלץ טראַכט זי, נאָר אַרויסרעדן קען זי ניט. עס האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן.

— די טאַנטע זעט אויס זייער גוט.

— גוט, — זאָגט די טאַנטע איבער מעכאַניש, —איר ווייסט, לויט דעם קריזיס וואָס אַלע לעבן איצט איבער, לעבט זיך אייך זייער פיין.

דער טאַטע וויל ענטפערן און דערציילן דעם גאַנצן אמת: אַז דאָס אַלץ וואָס שטייט אויפן טיש איז געבאָרגט, אַז אויב ניט די טאַנטע, האָבן זיי ניט אויף מאָרגן אויף פרישטיק. און, אַז עס קומט אַ שווערער ווינטער...

נאָר די טאַנטע רעדט ווייטער:

— ביי אייך אין ניו יאָרק איז פריילעך. ביי אונדז אין נאָרפאָלק איז אומעטיק. איר ווייסט, מיין מאַן איז פאַרנומען אין די ביזנעס, מיין טאָכטער — אין קאַלעדזש. אין הויז ראַמט אויף די שוואַרצע. בלייבט מיר, נאָר אַרומפאָרן אין מיין קאַר; יו נאָו, איך פיר אַליין מיין קאַר. ביי טאָג, ווען אַלע זיינען פאַרנומען, כאַפּ איך אַ קערטל מיט מיינע פריינט. אַ פּאָר מאָל אין וואָך אין די מואוויס. אָט אַזוי שטופּט מען דורך די צייט. איך פאַרנעם זיך אויך מיט „טשאַריטי". איך גיי אין טעמפּל. אָבער אין אַלגעמיין איז אומעטיק. עס בענקט זיך נאָך ניו יאָרק.

זי האָט זאַפטיק איינגעביסן אַ פרישן עפּל, אַרונטערגעשלונגען און ווייטער גערעדט:

— מיין טאָכטער קומט אָפט אין ניו יאָרק. אין די יום־טובים ווען דער קאַלעדזש איז צוגעמאַכט פאָרט זי אָפט אין ניו יאָרק. שטייט זי איין אין אַ האָטעל, פאַרשטייט זיך. עס קאָסט געלט, יו נאָו, און אַ מיידל אַליין... מיינט איר ניט, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך איצט באַפריינדעט, וואָלט ניט געווען גלייכער, זי זאָל ביי אייך איי־בערשלאָפן.

זי שמייכלט אַזוי ווייך. זי איז אַזאַ גוטע איצט.

אַ צעטומלטער האָט דער טאַטע געקוקט אויף דער מאַמע און פאַרלאָרן געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ. פאַרוואָס ניט. מיט פאַרגעניגן.

די טאַנטע האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איך מוז שוין גיין. איך דאַרף נאָך דערליידיקן אַ פּאָר זאַכן, יו נאָו. נו, גוד ביי, ליבינקע. עס פרייט מיך זייער, פיינע מענטשן... גוד ביי.

זי איז צוגעגאַנגען צו סטעלאַן און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ:

— גוד ביי, קליינטשיקע.

דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען געשטאַנען אין מיטן צימער און ניט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט, אַזוי ווי אימיצער וואָלט זיי די צינגער אויסגעשניטן...

איבערן צימער האָט נאָך געקלונגען די „איידעלע" שטימע פון דער טאַנטע פון נאַרפאָלק: גוד ביי...

לעבן

1.

די טיר האָט זיך געעפנט און אין איר איז געשטאַנען דער זיידע. זיין הויכע שטאַרקע פיגור האָט געציטערט. זיין לאַנגע פינקטלעך פאַרקעמטע זילבערנע באָרד האָט זיך נאָכמער אָנגעזען אויף דעם שוואַרצן פוטערנעם קאָלנער. די אויגן זיינען געווען פאַרפולט מיט טרערן. ער איז געשטאַנען אָן ווערטער און זיך ניט גערירט פון אָרט. דערנאָך איז ער געפאַלן דעם אייניקל אויפן האַלדז.

— טייערע מיינע, טייער חנה׳לע, דיין באָבע איז געשטאָרבן!...

חנה האָט זיך צוגעדריקט צו איר זיידן, פייכט זיינען געוואָרן אירע באַקן פון די טרערן, וועלכע האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

— ניט וויינען, מען דאַרף ניט וויינען, זיידעלע, — האָט חנה געזאָגט און איר אַליין האָבן טרערן געוואָרגן אין האַלדז.

— פופציק יאָר צוזאַמען געלעבט און מיטאַמאָל אויף דער עלטער נעמט זי און פאַרלאָזט מיך.

שטיל האָט חנה געפירט מיט די הענט איבער דעם אַלטן קאָפּ פון זיידן. ער האָט אויסגעזען אומבאַהאָלפן ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אינמיטן גאַס און ווייסט ניט וואוהין צו גיין.

זי האָט דערזען דעם זיידן מיט דער באָבען. אַ שיין פּאָרפאָלק געווען. ווי ליב זיי האָבן זיך געהאַט. חנה רייסט איבער דאָס טראַכטן. ווידער וויינט דער זיידע.

— ניט געקענט זיין דאָרטן איינער אַליין, נו, בין איך געקומען צו דיר.

— טאַקע גוט האָט איר געטאָן, זיידעלע.

דער זיידע שמייכלט צווישן טרערן, מיט זיינע גוטע ווייכע הענט גלעט ער חנה׳ס באַקן.

— נו, זיידעלע ליבער, מען דאַרף ניט וויינען, — און קושט דעם זיידנס אויגן פול מיט טרערן.

**

חנה איז אַהיים געקומען שפּעט אין אָוונט, זי איז דורכגעגאַנגען דאָס צימער וואו איר זיידע איז געשלאָפן, און האָט דערהערט ווי ער קרעכצט. אַן אומרואיקע איז זי צוגעלאָפן צום זיידנס בעט.

— זיידעלע, וואָס איז אייך? עס טוט אייך עפּעס וויי?

דער זיידע האָט געקרעכצט און גאָרניט געענטפערט. חנה איז געוואָרן נאָכמער אומרואיק.

— טייערער, וואָס איז מיט אייך?

דער זיידע האָט זיך אַביסל אויפגעזעצט, מיט ציטריקע הענט אַרומגענומען חנה׳ן און געזאָגט:

— חנה׳לע טייערע, זיץ לעבן מיר אַ ביסעלע.

זי האָט זיך שנעל געזעצט.

— גלעט מיך אַ ביסעלע, חנה׳לע, וועט מיר ווערן בעסער.

חנה האָט אָנגעקוקט דעם זיידן פאַרוואונדערט.

— ווייסט, מיין קינד, וואָס איך וועל דיר זאָגן — און ער האָט מאָדנע געשמייכלט, — דו ביסט דאָך גאָרניט אַזאַ דאַרינקע — — — —

און די אויגן אונטער זיינע גרויע ברעמען האָבן מאָדנע געבלישטשעט.

— כע, כע, כע, — האָט דער זיידע געשמייכלט.

— חנה׳לע, מיין קינד, וואָס וועט זיין? זעסט, מיין טאָכטערקע, אַליין געבליבן. די באָבע איז געשטאָרבן.

חנה האָט זיך געזעצט נעענטער.

— אוי, חנה׳לע, איך בין ניט געזונט. איך פיל, אַז איך וועל שטאַרק קראַנק ווערן.

חנה איז געוואָרן זייער אומרואיק.

— קום אַהער, מיין קינד, זעץ זיך נעענטער. גלעט מיך, מאַמעלע, אַ ביסעלע, — ער האָט אין גאַנצן געפיבערט.

— קום, וועל איך דיך אַ ביסעלע אַרומנעמען, וועט מיר ווערן בע־סער. שלעכט בלוט האָב איך, טאָכטערקע, שלעכט בלוט. מאַמעלע מיינע, — האָט ער מיט טרערן אַרויסגערעדט, — לאָז זיך אַרומ־נעמען.

זיינע הענט זיינען געוואָרן קאַלט און ער האָט האַסטיק גע־אָטעמט. ער האָט זי געגעבן אַ צי צו זיך, און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם געשעפּטשעט:

— לאָז זיך, טייערע, לאָז זיך, מאַמעלע...

חנה האָט זיך אַ האַסטיקן ריס געטאָן פון זיינע הענט. הענט און פיס האָבן איר אָנגעהויבן וואַרפן פון שרעק.

— זיידע! — האָט זי פאַרצווייפלט אויסגעשריען און איז אַריינ־געלאָפן צו זיך אין צימער.

עס איז געוואָרן שטיל.

נאָר דער שליסל אין חנה׳לעס צימער האָט זיך צוויי מאָל אי־בערגעדרייט.

קאָרטן

פרוי ליכטנשטיין איז געווען אַן אָרענטלעכע פרוי, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן איר הויזגעזינד. זי איז אַרומגעגאַנגען זאָרגפעלטיק אַרום אירע צוויי קינדער, האָט זיך באַנוגנט מיטן קליינעם געהאַלט וואָס איר מאַן האָט איר פון שאַפּ געבראַכט. שטענדיק פאַרטאָן אין דער הויז־אַרבעט און מיט די קינדער, האָט זי זיך ווייניק וואָס גע׳חבר׳ט מיט די שכנים.

איינמאָל אין אָוונט, די קינדער זיינען געשלאָפן און זי איז געזעסן אַליין און געוואַרט אויף איר מאַן. זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויפן טיש, די אויגן ערגעץ ווייט. איר יונג, בלאַס פּנים איז געווען פאַרזאָרגט. זי האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט. צייטנווייז האָבן אירע אויגן אויפגעבליצט. אַ פאַרלאַנג נאָך עפּעס אַנדערש האָט זיך געזעצן אין זיי. צו אירע אויערן האָט זיך פּלוצלונג דערטראָגן אַ פריילעך געלעכטער פון דער שכנה׳ס הויז. אַ פאַרלאַנג צו זיין צווישן מענטשן האָט אַ הויב געטאָן זי פון שטול, און אין אַ מינוט אַרום איז זי געשטאַנען אַ פאַרלאָרענע אין דער אָפענער טיר פון הויז. אַ געדיכטער רויך פון סיגאַרן האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. זי האָט דערזען ווי אַרום אַ גרויסן טיש זיצן געפאַרבטע פרויען מיט שטאַרק אַנטבלויזטע העלדזער און נאַקנס, און מענער, און שפּילן אין קאָרטן. דאָלאַר־בילס זיינען געפלויגן אין דער לופטן.

פרוי ליכטנשטיין האָט אָנגענומען די קליאַמקע פון טיר כדי צו גיין צוריק. זי האָט דערפילט אויף זיך די גראָבע האַנט פון דער

שכנה, וואָס האָט זי געשלעפּט צום טיש, און לאַכנדיק מיט אַ מויל גאָלדענע ציין, האָט זי הויך געשריען:

— מיר האָבן נאָך אַ האַנט!

אין אַ מינוט אַרום איז פאַר איר געלעגן אַ קאָרט.

— נו? — האָט אַ הייזעריקע מענער־שטימע אויסגערופן.

— וויפיל גיט איר פאַר אייער קאָרט? פרוי ליכטנשטיין איז, דאַכט זיך, אייער נאָמען.

— געוואונען! פרוי ליכטנשטיין האָט געוואונען! — האָבן עטלעכע שטימען אויסגעשריען.

פרוי ליכטנשטיין האָט דערזען פאַר זיך אַ צען דאָלאַר־ביל. דאָס איז איר געלט. כמעט אַ העלפט פון דעם וואָס איר מאַן פאַרדינט נאָך אַ וואָך שווערער אַרבעט. זי האָט דערזען מיטאַמאָל אירע קינ־דער אין נייע קליידעלעך. זי וועט קענען קויפן איר שרה'לען אַ ניי קליידעלע. אַ ראָזע וועט זי קויפן מיט ווייסע שפּיצעלעך אַרום העלדזעלע. ווי שיין דאָס קינד וועט אויסזען. זי האָט זיך דער־מאָנט אָן די געלאַטעטע שיכעלעך. נייע לאַקירענע וועט זי זיי קויפן. די קינדער טאַנצן פאַר פרייד און זי איז אַזוי גליקלעך!

— גיט מיר נאָך אַ קאָרט! — האָט זי פאַר פרייד אויסגעשריען.

אָנגעוואָרן. אָבער באַלד וועט זי ווידער געווינען. זי האָט נאָך מיט וואָס צו שפּילן. די פינף דאָלאַר וואָס דער מאַן האָט איר געגעבן אויף דער הוצאה. זי קען נאָך געווינען.

עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין איר האַרצן, ווען זי האָט דאָס גאַנצע געלט פאַרשפּילט. מיט וואָס וועט זי מאָרגן קויפן עסן פאַר די קינדער? און וואָס וועט זי זאָגן איר מאַן?

עס האָט איר אָנגעהויבן דרייען אין קאָפּ, רוישן אין די אויערן און שווינדלען פאַר די אויגן...

ווען זי האָט אויפגעעפנט די אויגן איז זי געלעגן אין אַ טונ־קעלן צימער. זי האָט דערזען לעבן זיך אַ פרעמדן יונגנמאַן. דאַכט זיך, זי האָט אים ערגעץ געזען. יאָ. ביים טיש מיט די קאָרטן. זי

האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פאַרלאָרענעם געלט און ווידער אָנגעהויבן חלש'ן.

— נו, באַרואיקט זיך. צוליב אַזאַ נאַרישקייט. איך גיב אייך דאָס געלט צוריק. איך האָב היינט אַ סך געוואונען.

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס געלט און איז אַרויס.

אויף מאָרגן, ווען דער מאַן איז געווען ביי דער אַרבעט און פרוי ליכטנשטיין האָט אַ שווייגנדיקע און צעקלעמטע געטאָן איר הויז־אַרבעט, האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. זי האָט געעפנט די טיר, און צו איר פאַרוואונדערנוג דערזען דעם יונגנמאַן וואָס האָט איר געגעבן דאָס געלט. ער איז מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג.

פרוי ליכטנשטיין, אָן איבעררעאַשטע, ניט וויסנדיק וואָס זי טוט, האָט אים אַריינגעבעטן אין הויז.

ער האָט גלייך אַרונטערגענומען זיין מאַנטל, זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט, אַרויסגענומען אַ גראָבן סיגאַר און געזאָגט:

— וואָס מאַכט איר עפּעס, פרוי ליכטנשטיין? ווי פילט איר זיך?

ער האָט עס צווייידייטיק אַרויסגערעדט.

פרוי ליכטנשטיין האָט זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן און שולדיק געשמייכלט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, צוגעגאַנגען צו איר, און פריי, אַזוי ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג געקענט, אַרומגענומען פאַר דער טאַליע.

זי האָט אַ ציטער געטאָן און פילנדיק זיך שולדיק צוליבן געלט, זיך ניט געווערט.

— געלט איז ביי מיר פון די קלענסטע זאַכן. אויב איר דאַרפט נאָך, קען איך אייך מיט פאַרגעניגן געבן. באַזונדערס אַזאַ שיין ווייבל ווי איר, דאַרפט איר זיך אוודאי ניט נויטיקן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ זשמעניע מיט פּאַפּיר־געלט און אַוועק־געלייגט אויפן טיש.

דער קאָפּ האָט זיך איר אָנגעהויבן דרייען. גרינע און רויטע קייקעלעך זיינען איר געפלויגן פאַר די אויגן. די פיס האָבן זיך איר געזעצט...

**
*

זי האָט אויפגעעפנט די אויגן. דער קאָפּ איז געווען שווער. זי האָט אָנגעשפּאַרט די הענט אָן קישן, האָט זיך געוואָלט אויפהויבן און דערזען אויף זיך די צעשפּיליעטע קליידער.

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער אָפט קומען צו איר. עס האָבן זיך באַוויזן נייע זאַכעלעך פאַר די קינדער.

ער האָט אויפגעהערט אויסזען אין אירע אויגן פרעך.

ניט ווילנדיק, פלעגט זי אַמאָל פאַרגלייכן אים מיט איר מאַן. דער מאַן — אַן אויסגעהאָרעוועטער, אַ מידער. ער —אַלעמאָל אַ פרישער און מונטערער. זי האָט זיך שוין ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום געדאַנק. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער האָט זי טאַקע ליב, אַזוי ווי ער האָט דאָס איר אַלע מאָל פאַרזיכערט.

איינמאָל איז ער געקומען צו איר אַ שטאַרק אויפגעלייגטער, געמאַכט קאָמפּלימענטן און געווען אויסערגעוויינטלעך העפלעך.

— איר ווייסט, — האָט ער צו איר געזאָגט, — אַז איך קוק זיך צו צו דער אָרעמקייט אין וועלכער איר וואוינט, וואונדער איך זיך. איך פאַרשטיי אייך ניט. אַזאַ שיין און יונג ווייבל, ווי איר! איר האָט דאָך געקענט לעבן ווי אַ קעניגין.

— נו, טאָ וואָס זאָל איך טאָן? מיין מזל איז מסתמא אַזאַ.

— מזל, שמאַזל! איר רעדט דאָך גאָר ווי אַ קינד, אָדער איר מאַכט זיך ווי אַ קינד. פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר, וועט איר זען, אַז אַלץ וועט זיין גוט. איר הערט: אויב איר ווילט, קענט איר אַלע וואָך האָבן צוויי הונדערט דאָלאַר. איר דאַרפט נאָר זיין קלוג און גוט.

— נו, זאָגט־זשע וואָס דאַרף איך טאָן, — האָט זי מיט נייגעריי־קייט אַרויסגערעדט.

— איר הערט, — האָט ער קאַלטבלוטיק אָנגעהויבן, — איך וועל אייך ברענגען מיינע באַקאַנטע יונגעלייט און עס וועט זיין „אָלרייט”!

ווי מיט אַ האַק איבערן קאָפּ האָט ער איר דערלאַנגט. זי איז געבליבן זיצן, געקוקט שטאַר אויף אים, און עס האָט זיך איר אויס־געדאַכט, אַז ער ציט זיך אויס אין דער לענג, פון זיין קאָפּ וואַקסט אויס נאָך אַ קאָפּ...

זי האָט זיך האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן פון שטול, באַפּעלעריש אויפגעהויבן די האַנט און אָנווייזנדיק אויף דער טיר, אויסגעשריען:

— אַרויס פון מיין הויז!

ער האָט זיך פּאַמעלעך און דערשראָקן אויפגעהויבן, זיך גע־נומען אַרויסשאַרן פון שטוב און אָנגעקוקט זי ווי אַ משוגע׳נע...

איר הייזקע

זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פֿאַר־בונדענעם קאָפּ. די ליפּן פֿאַרטריקנט. די אויגן פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. צום צוואַנציקסטן מאָל האָט זי געבעטן איר זון, ער זאָל איר העלפֿן, ער זאָל זי ראַטעווען. זי האָט דאָך אים געבאָרן, פֿון איר אייגן בלוט און פֿלייש. וויפֿיל נעכט איז זי צוליב אים ניט געשלאָפֿן. איר גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פֿאַר אים. און איצט האַנדלט ער, ווי אַ שונא.

— נו, און אַז מען האָט שוין אַ ווייב איז וואָס? איז די מאַמע מער קיין מאַמע ניט? זינט דו האָסט חתונה געהאַט, ביסטו געוואָרן אַ פֿאַרקערטער מענטש. דיך אַרט ניט, אַז די מאַמע וועט אונטער־גיין.

זי איז צוגעגאַנגען צום אָפֿענעם פֿענצטער און מיט אויגן פֿאַר־לאָפֿענע פֿון טרערן געקוקט אויפֿן גערטנדל, אויף די איינצלנע בלומען, וואָס זיינען נאָך ניט פֿאַרוויאַנעט געוואָרן. זי האָט דערזען שפּינוועבס אויף אַ יונגביימל און ס׳האָט איר איצט ניט געאַרט, וואָס דאָס ביימל וועט אפשר אָפּשטאַרבן. יאָ, די לעצטע צייט האָבן זיך אויסגעשאָטן אויף די ביימלעך און די בלומען אַזוינע ווערים־לעך, וואָס פֿרעסן אויף דעם גאָרטן.

דער גאָרטן! אָט דער קליינער שטח גרינס אַרום הייזל האָט געמיינט פֿאַר איר אַ סך. זי פֿלעגט אויפֿשטיין פֿאַרטאָג, אַרומגיין אַרום די בייטן, אַרומגראָבן, אויסיעטן, באַוואָסערן, אַרומקריכן אי־בערן גערטנדל, ווי אַ מוראַשקע... זי פֿלעגט רעדן הויך אויפֿן קול צו זיך, ווי אימיצער וואָלט געשטאַנען לעבן איר.

פֿריינט האָט זי געהאַט ווייניק. זינט איר מאַן, אַ שווערער

אַרבעטער, איז געשטאָרבן, פלעגט זי זעלטן ווען זיך טרעפן מיט מענטשן. ס'איז איר שווער געווען צו ענטפערן אויף זייערע פראַ־געס: פאַר די אויגן איז איר געשטאַנען דער האָרעפּאַשנער מאַן.

ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, פלעגט זי רעדן הויך אויפן קול צו איר מאַן, ווי ער וואָלט געווען אַ לעבעדיקער.

זומער פאַרטאָג פלעגט זי שטיין אויפן דאַך, אַריינקוקן אין קוימען, נאָכקוקן דעם רויך, אָפּשפּריצן דעם דאַך מיט אַ קישקע וואַסער. אַזוי ווי אַ מאַנסאַרשוין, איז זי אַרומגעגאַנגען אַרום הויז מיט אַ האַמער, פאַרקלאַפּט וואו מ'האָט באַדאַרפט. אַליין פאַרזייט דאָס גערטנדל.

דאָס הייזל איז פאַר איר געווען אַלץ.

איצט איז זי געשטאַנען לעבן פענצטער און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן. וואָס וועט זיין?

דייוו, איר זון, איז געזעסן ביים טיש. דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף די הענט. ער האָט געזען, ווי זיין מאַמע וויינט. געזען, ווי די טרערן קייקלען זיך פון די קראַנקע אויגן און פאַרהאַלטן זיך אין די טיפע קנייטשן. ער האָט געטראַכט, אַז נאָך אַלעמען איז זיין מאַמע נאָך ניט אַזוי אַלט, אַז זי זאָל האָבן אַזויפיל קנייטשן. אַז דאָס שווער לעבן אירס האָט אויסגעאַקערט קנייטשן אויף איר פּנים. ס'האָט אים וויי געטאָן פאַר זיין מאַמען. ער האָט אָבער איינגעזען, אַז וואָס ווייניקער ער רעדט, אַלץ געזינטער איז פאַר זיי ביידע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט מיט זיין מאַמען קיין געמיינזאַמע שפּראַך. זי פאַרשטייט ניט וואָס ער רעדט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געזען פאַר זיך זיין טאַטן מיט די ברייטע האָרעפּאַשנע פּלייצעס, מיט די גרויסע אויסגעאַרבעטע הענט. שטענדיק אַ שווייגב־דיקער. יאָרנלאַנג האָט ער אָפּגעאַרבעט אַלס פּרעסער אין די שע־פּער. יאָרנלאַנג געשפּאָרט פון מויל דעם ביסן, אָפּגעקליבן אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר און געקויפט די הייזקע. די מאַמע פלעגט שטענדיק איינרעדן דעם טאַטן, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַן אייגן הויז. צו

וואָס אַוועקגעבן דאָס געלט דעם לענדלאָרד? אַז מ׳קען ביסלעכווייז אויסצאָלן דעם „מאָרטגעדזש״ און האָבן אַן אייגענע הייזקע?

צום אָנהויב האָט דער טאַטע ניט געוואָלט הערן דערפון. ווי קומט אַן אַרבעטער צו אַן אייגן הויז? די מאַמע איז אָבער באַשטאַנען אויף אירס, און מ׳האָט געקויפט די הייזקע.

אַז די מאַמע האָט צום ערשטן מאָל אַריינגעטראָגן רעטעכלעך פון דעם אייגענעם גערטנדל, וואָס זי האָט אַליין פאַרזייט, האָט דער טאַטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און באַהאַלטן דעם שמייכל אין טעלער.

יאָ, פון דעמאָלט אָן זיינען אַוועק אַ סך יאָרן פון שווערער האָרעוואַניע אין די שעפּער. דאָס גאַנצע פאַרדינסט איז אַוועק אויף דעם „מאָרטגעדזש״. איידער מ׳האָט זיך געגעבן אַ דריי, האָט מען שוין ווידער געדאַרפט באַצאָלן דעם „מאָרטגעדזש״. האָט די מאַמע איינגעזען, אַז ס׳איז שווער אויסצוקומען, האָט זי אַ פאַרקלעמטע פאַרדונגען די הייזקע און פאַר זיך איבערגעלאָזט אַ צימער מיט אַ קיך. איז נאָך אַלץ געווען שווער צו צאָלן. מען האָט געוואַרגט און געקאַרגט, ביז דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דאָס לעצטע ביסל געלט איז אַוועק פאַר דאָקטוירים.

איצט איז שוין מער ניט געווען קיין אויסוועג. די באַנק האָט געסטראַשעט צוצונעמען די הייזקע. און די מאַמע האָט זיך געבעטן ביי דייוון, ער זאָל זי ראַטעווען.

און דייוו האָט שוין ניט איינמאָל געבעטן זיין מאַמען, איינגעטענה׳ט מיט איר, אַז סוף־כל־סוף וועט מען מוזן אויפגעבן די הייזקע. די הייזקע וועט ביי איר צונעמען דאָס לעצטע העמד, אַרויסרייסן דעם ביסן פון מויל. זאָל זי זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז צייטן וועלן ווערן בעסער. עס גייט צום ערגערן, דער קריזיס פאַרשטאַרקט זיך.

די מאַמע האָט עס ניט געוואָלט און ניט געקענט פאַרשטיין. זי האָט געקוקט אויף איר זון און געטראַכט, אַז ער איז איר געוואָרן פרעמד, אַז אים אַרט ניט פאַר זיין מאַמען. אָ, ווען זי האָט אַ

טאָכטער — טראַכט זי — וואָלט גאָר געווען עפּעס אַנדערש. אַ טאָכטער איז נעענטער צו אַ מאַמען. אַ טאָכטער וואָלט זי פֿאַרשטאַנען!

זי איז געוואָרן אַ שונא איר זון. אַ שונא פֿאַר ניט העלפֿן דער מאַמען. ווי זעט ער עס ניט, אַז די הייזקע איז איר גאַנץ לעבן? אַן דער הייזקע וועט זי בלייבן ווי אַן הענט. שוין העכער צוועלף יאָר, אַז זיי צאָלן פֿאַר דער הייזקע. שוין העכער צוועלף יאָר, אַז זי לעבט מיטן געדאַנק, אַז דאָס איז איר אייגענע הייזקע. איר גאַנץ געזונט האָט זי אין דעם אַריינגעלייגט.

זי איז צום לעצטן מאָל צוגעגאַנגען צום זון, מיט ציטערדיקע הענט אים אָנגענומען פֿאַר די אַקסלען:

— גיי צו זיי נאָכאַמאָל, גיי און זאָג זיי, וואָס עס מיינט פֿאַר מיר די הייזקע. זיי וועלן אפשר אויף מיר רחמנות האָבן. זאָג זיי, אַז טאָמער נעמען זיי צו ביי מיר די הייזקע, וועל איך זיך נעמען דאָס לעבן.

דייוו האָט זיך אַ נערוועזן דריי געטאָן:

— צו וועמען זאָל איך גיין, מאַמע? וועמען זאָל איך בעטן? אַז זיי גייט גאַרניט אָן! אַז זיי אַרט גאַרניט! זיי ווילן דאָס געלט און שוין!

— אָ, — האָט די מאַמע אַרויסגעקרעכצט, — דיר אַרט ניט פֿאַר דיין מאַמען, דו פֿוילסט זיך גיין, זאָגסטו, אַז זיי ווילן ניט. דו ביסט אַ שונא דיין מאַמען! ס׳אַרט דיר ניט, אַז איך וועל ליגן טויט. אָ, שונא מיינער, אַרויס פֿון מיין הויז!

זי איז געפֿאַלן אויפֿן שטול און יאָמערדיק געוויינט. אַ ווינט האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, צעשויבערט אירע גרויע האָר. און זי האָט אַלץ געוויינט, ווי מען באַוויינט אַ טויטן.

דער געשעפטסמאַן

די שטיינבערגס האָבן אַ פּאָר מאָל איבערגעלייענט די וויזיט־קאַרטע, אויף וועלכער ס׳איז געווען אָפּ־געדרוקט „קרעיד און קאָמפּאַני, ווינדאָו שיידס ענד אָונינגס". זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט און די פרוי האָט די ערשטע געזאָגט:

— זעסט, ער מוז זיין גוט רייך. לאָמיר צופאָרן אים אָנקוקן.

— יאָ, — האָט געענטפערט דער מאַן, — איך געדענק אים, ווען ער האָט ניט געהאַט אויף אָפּצועסן אַ מיטאָג.

— וואַרט, — זאָגט די פרוי, — וועסט זען, ער וועט נאָך אונדז ניט דערקענען. אַזאַ טבע האָבן שוין די גבירים.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויף דער גאַס, האָבן זיי ביידע גע־נומען זוכן די „ביזנעס".

— איך קען שווערן, — זאָגט די פרוי, — אַז דאָס איז יענע גרויסע הויז אויפן ראָג. דאָרטן זיינען גרויסע געשעפטן.

— וואָס עפּעס דאָרטן, — רופט זיך אָפּ דער מאַן, — אָט איז אויף יענער זייט אַ גרעסער הויז, אפשר איז עס גאָר דאָרטן?

זיי האָבן געלייענט די שילדן, אַריינגעקוקט אין די טירן פון די אָפענע געשעפטן, און מאָדנע: דעם „קרעיד ענד קאָמפּאַני" האָבן זיי ניט געפונען.

— וואָס קען עס זיין? — איז די פרוי געוואָרן אומרואיק, — זאָל דאָס זיין, אַז מיר מאַכן אַ טעות? אָדער ס׳איז גאָר אויף אַן אַנדער גאַס? לאָמיר נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויפן אַדרעס.

פלוצלונג האָט די פרוי אַ צי געטאָן דעם מאַן פאַרן אַרבל:

— זע נאַר, גיב אַ קוק, אַט אויף דעם שילדל איז דאָך אָנגע־שריבן: „קרעיד ענד קאָמפּאַני, ווינדאָו שעידס ענד אָונינגס".

— וואָס דיר פאַלט איין — אין אַזאַ סטאַרקע? ער איז דאָך אַ גביר. ווי איז עס מעגלעך?

— וואו קוקסטו? אָט־אָ דאָס קליין שילדל!

—אוי!

זיי האָבן נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דאָס שילדל, פאַרגליכן מיטן אַדרעס אויף דער וויזיט־קאַרטע און באַשלאָסן, אַז דאָס איז עס.

זיי זיינען ביידע, שטאַרק אַנטוישטע און נייגעריקע, אַריין אין סטאָר. זיי זיינען געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג, ניט וועלנדיק גלויבן, אַז אָט די סטאָרקע איז יענע סטאָר פון זייער רייכן פריינט.

אַ שמאָל לענגלעך צימער, פאַרשטעלט מיט אַלטע ווינדאָו־שעידס און מיט פאַרשטויבטע אַלט־מאָדישע שפּיגלען. אַ שווערע לופט האָט אַ זעץ געטאָן אין פּנים ביים אַריינקומען.

אַ פרוי, מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים, מיט אַ געמאַכטן שמייכל, איז אַנטקעגנגעקומען:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איז דאָס מר. קרעידס סטאָר?

— יאָ, יאָ, געוויס.

— מיר זיינען זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע, גוטע פריינט.

— מר. קרעיד וועט באַלד אַריינקומען, זעצט זיך.

ביים אַרויסזאָגן די ווערטער „זעצט זיך", האָט זי זיך שטאַרק פאַרלאָרן. זי האָט אָנגעהויבן זוכן אויף אַלע זייטן אַ בענקל. ענד־לעך האָט זי פון אַ פינצטערן ווינקל אַרויסגעשלעפּט אַן אַלטן פאַר־שטויבטן שטול. זי האָט אָפּגעווישט דעם שטויב מיט דער הוילער האַנט און פאַרלאָרן געשמייכלט:

— זעצט זיך. מיר זיינען אַזוי פאַריאָגט, אַז...

— אָ, עס מאַכט ניט, — האָט שטיינבערג פּרובירט זי באַרואיקן.

דערנאָך האָט זי געבראַכט צו שלעפּן אַ קעסטל, איבערגעדעקט מיט אַן אַלטער צייטונג, און געבעטן שטיינבערגן זיך זעצן. אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן מר. קרעיד.

— הער, — האָט ער אין איילעניש אויסגעשריען, — האָסט צוגעגרייט דעם אָרדער?

— קוק, וואָס פּאַר אַ געסט דו האָסט דאָ? — האָט די פרוי אים אָפּגעשטעלט.

זיין גאַנצער פּנים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרענדערט. אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף זיין מידן, מיט שוויס באַגאָסענעם פּנים. ער איז אומגעלומפּערט געבליבן אַ ווילע שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. דערנאָך, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, האָט ער אַ גוט־ברודערשן קלאַפּ געטאָן שטיינבערגן איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— שוין וויפיל יאָר, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען? — און, ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער גלייך פאַרלאָרן צוגעגעבן:

— כ'בין ניט אָנגעטאָן. פאַרשטייסט: ביי דער אַרבעט. מען אַרבעט שווער אין אַמעריקע.

דערנאָך, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, אַז ער קלאָגט זיך, האָט ער צוגעגעבן:

— אָבער ס'מאַכט ניט, ס'איז אָלרייט. נו, — האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי, — וועסט שוין אַליין באַזאָרגן דעם אָרדער. איך וועל גיין מכבד זיין מיינע געסט. אַזעלכע אומדערוואַרטע געסט. קומט, לאָמיר גיין אין קענדי־סטאָר עסן אַן אייז־קרים. ס'איז היינט הייס. איר זייט אוודאי דורשטיק.

און איידער די שטיינבערגס האָבן באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, האָט ער זיי שוין אַרויסגעפירט אין דרויסן.

די שטיינבערגס האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

„אַ פיינער גביר, ניטאָ וואָס צו זאָגן".

און ער, מר. קרעיד, האָט ווי פאַרשטאַנען זייער קוק און געזאָגט:
— וואַרט, ס'איז ניט אַלץ, וואָס איר זעט.
איר פאַרשטייט, ביזנעס אין אַמעריקע איז גאָר אַן אַנדער זאַך. ס'איז ניט דאָס, וואָס איר זעט. ס'איז עפּעס אַנדערש. איר זעט קעגנאיבער דאָס גרויסע הויז, דאָס איז מיין הויז.
— וואָס? — האָבן די שטיינבערגס ביידע אין איין קול אויסגעשריען.
— ס'הייסט, ניט דאָס הויז, נאָר איר זעט די ווינדאָו שעידס אין די פענצטער, דאָס זיינען מיינע ווינדאָו שעידס! ס'הייסט, דעם אמת געזאָגט, קען איך די ווינדאָו שעידס ניט מאַכן, ווייל פון וואַנען קומט צו מיר מיטאַמאָל מאַכן ווינדאָו שעידס? מאַכן מאַכט זיי אימיצער אַנדערש, און איך שטעל זיי צו. איר מיינט — נאָר דאָס הויז? די גאַנצע גאַס איז מיינע! איר שפּילט זיך עפּעס מיט מיר, כ'בין דאָך אַן עושר! איר ווייסט כאָטש אין וויפיל מען שאַצט מיך?
— און ווער איז עס די „קאָמפּאַני”? — האָט די פרוי שטיינבערג געפרעגט.
— וואָס הייסט ווער? — איך און מיין פרוי.

די שיף ברענט

איבער דעם שטעטל טראָגט זיך אַ ריח פון פיש, וואָס איז שווער צו פאַרטראָגן פאַר אַ ניי־אָנגעקו־מענעם מענטשן. אין די זייטיקע געסלעך ליגן צעלייגט גאַנצע פלאַכטעס פיש וואָס טריקענען זיך אויף דער זון. פון דער ווייטנס זעען זיי אויס, ווי אַלטע פאַרשטויבטע ברעטלעך. ס'ציען זיך גאַנצע שפּייכלער מיט פיש. צעשפּרייטע נעצן טריקענען זיך אויף דער זון.

שטיל איז דאָ אין שטעטל, ווי קיינער וואָלט דאָ קיין פרייד ניט געהאַט; ווי קיינער וואָלט דאָ ניט חתונה געהאַט אָדער קיין קינד ניט געבאָרן.

דזשאָנסאָן דעם פישערמאַנס שטיבל שטייט אָפּגעזונדערט אויף אַ בערגל. דאָס שטיבל איז אַלט, און ס'איז אַ וואונדער, וואָס די ווינטן האָבן עס ניט אַרונטערגעריסן. נאָר ציכטיקע פאָרהענגלעך הענגען אויף די פענצטער. זעלטן ווען עס דערהערט זיך אַ קול פון דעם שטיבל. מען רעדט דאָ שטיל, ווי אַ קראַנקער וואָלט געלעגן אין הויז.

דזשאָנסאָן זעט זעלטן זיינע קינדער. אָדער ער שלאָפט, אָדער ער איז אויפן ים.

די באַלעבאַטישקייט פירן די קינדער אַליין, ווייל די מאַמע גייט אַוועק אויף הויז־אַרבעט ביי יענעם.

דזשאָרדזשי איז אַ קליין אַכט־יאָריק אינגל מיט פאַרטראַכטע אויגן און דינע, אויסגעדרייטע באַנאַנע־פיסלעך. אין סקול רופן אים די קינדער דער „פענסיל“, אַזוי דין איז ער. אויף דזשאָרדזשין גיט

אַכטונג דזשאָרדזשי אַליין און זיין „גרויסע״ צוועלף־יאָריקע שוועס־טער, קעראָלאַין.

קעראָלאַין איז אַ לאַנג אויסגעצויגן מיידל, צו הויך פאַר אירע יאָרן, מיט אַ בלאַס פּנים. זי איז שטיל און דערשלאָגן, ווייל זי טראָגט אויף זיך דעם גאַנצן יאָך פון הויז.

קעראָלאַין איז די באַלעבאָסטע פון הויז. זי גרייט אָן עסן פאַר דער משפּחה. זי קאָכט, רייניקט, וואַשט און גייט אַרום דעם שטיבל מיט אַ בעזים, ווי אַן אמת׳ע באַלעבאָסטע. דזשאָרדזשי פאָלגט זיין שוועסטער, ווי זי וואָלט געווען אַ מאַמע. ער גייט פאַר איר אַ גאַנג, היט אָפּ דאָס גערטנדל, וואָס קעראָלאַין האָט פאַרזייט.

זעלטן ווען דזשאָרדזשי און קעראָלאַין שפּילן זיך מיט קינדער. זיי האָבן גאָר קיין צייט ניט דערפאַר.

די מאַמע קומט אַהיים אַ מידע פון דער אַרבעט. קעראָלאַין און דזשאָרדזשי גרייטן צום טיש. די מאַמע טיילט אויס דאָס עסן. דזשאָרדזשין זעט זי מער צו. דעם בעסטן חלק קריגט ער. די מאַמע זאָגט, אַז דזשאָרדזשי דאַרף בעסער וואַקסן. זי זאָגט, אַז ער איז ניט קיין געזונט קינד.

קעראָלאַין כאַפּט זיך אָפּט אויף פון שלאָף פון דזשאָרדזשיס געוויין. ער רופט פון שלאָף דעם טאַטן. ער זאָגט, אַז דעם טאַטנס שיף האָט זיך איבערגעקערט אינמיטן ים. דעמאָלט זעצט זיך די מאַמע ביי דזשאָרדזשין צוקאָפּנס, דעקט אים גוט איין און גלעט אים מיט וואַרעמע רייד:

— שלאָף, מיין קינד, ס׳איז נאָר אַ חלום.

דזשאָרדזשין וואַרפט פון היץ און קעלט. ער קען ניט איינ־שלאָפן. און די מאַמע דערציילט אים דאָס מעשה׳לע וועגן דעם גאָל־דענעם פישעלע, וואָס האָט רייך געמאַכט דעם אַלטן פישער. שפּע־טער הערט קעראָלאַין, ווי די מאַמע זיפצט שטיל אָפּ און גייט פאַ־מעלעך אַרויס פון דעם צימער. פאַרשטייט זי שוין, אַז דזשאָרדזשי

איז איינגעשלאָפֿן. אָבער קעראָלאַינען איז שוין שווער ווידער איינ־צושלאָפֿן.

אינדערפֿרי, ווען די קינדער שטייען אויף, איז דאָס עסן אויפֿן טיש. דאָס האָט די מאַמע אין איילעניש צוגעגרייט פֿאַרן אַוועקגיין. נאָך אַזאַ נאַכט גייט דזשאָרדזשי אַרום אַ שווייגנדיקער, מיט שוואַרצע רייפֿן אונטער די אויגן. ער ווערט נערוועז פֿון יעדן ריר, פֿון יעדן פּייף פֿון אַן אויטאָמאָביל. אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער פּייף פֿון אַ ברענענדיקער פֿישער־שיף אויפֿן ים. דאָס פּייפֿן גייט זיי ניט אַרויס פֿון די אויערן. ציינדן זיך אָן שיפֿן, דעמאָלט ציילט יעדע משפּחה פֿון די פֿישערלייט די סיגנאַלן, ווייסט מען, וועלכע שיף ס׳איז אין געפֿאַר.

— ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער, אַ רייכער, וועל איך הייסן אַלע אַלטע שיפֿן פֿאַרברענען! — שווערט זיך דזשאָרדזשי.

ס׳איז געווען פֿאַרנאַכט. די זון איז שוין געווען פֿאַרגאַנגען. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון געשיינט, און מיטאַמאָל האָט דער הימל זיך געגעבן אַ פֿאַרדעק מיט שוואַרצע וואָלקנס, ווי מיט שטיקער ערד. ס׳איז געוואָרן פֿינצטער. אַ ווינט האָט זיך דורכגעטראָגן, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פֿון פֿאַרמאַכטע טירן, און אָנגעהויבן רייסן די פֿענצטער און די דעכער. מענטשן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די שטיבער. נאָר די פֿרויען פֿון די פֿישערלייט, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן ים, זיינען אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן פֿאַרצווייפֿלטע, וויסנדיק, וואָס עס דערוואַרט זייערע מענער.

— די שיפֿן וועלן אונטערגיין!

— אוי, מיין מאַן!

— מיין טאַטע! — האָט אַ קינד געוויינט.

מיטאַמאָל אַ שניידנדיקער פּייף, ווי אַ מעסער וואָלט אַ שניט געטאָן אין לייב, און אַ רעווען ווי פֿון טויזנט לייבן. די ווייבער און די קינדער פֿון די פֿישערלייט זיינען געבליבן פֿאַרגליווערט און געציילט:

איינס, צוויי, דריי, פינף, זיבן... זיבן, אַכט...

— אַכט! — האָט דזשאָרדזשי אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריען.

— אַכט! — האָט קעראָלאַין, ווי אַן עכאָ אָפּגעענטפערט.

— מיין מאַנס שיף ברענט!

דזשאָרדזשי האָט זיך געקלאַמערט אין דער מאַמעס קלייד.

די מאַמע איז געפאַלן אַ פאַר'חלש'טע. און דזשאָרדזשי האָט אָן אויפהער געשריען:

— אַכט, אַכט!

די שכנים זיינען געשטאַנען אַרום דזשאָרדזשיס מאַמע, דורכגעווייקטע פון דעם רעגן, און זיך ניט גערירט פון אָרט. זיי האָבן פאַרגעסן אין דער אייגענער געפאַר.

סעמי אין ביראָ־בידזשאַן

שוין דריי חדשים, ווי סעמי געפינט זיך אין ביראָ־בידזשאַן.

ער הערט ווי דער טאַטע זאָגט:

— אַלץ איז פאַרענדיקט מיט אַמעריקע.

פון דעם טאַטנס רייד פאַרשטייט סעמי, אַז צוריק קיין אַמע־ריקע וועט ער שוין ניט פאָרן.

— איצט איז סעמי אַ נייער־בירגער, אַ סאָוועטישער. אַ שטענ־דיקער איינוואוינער פון ביראָ־בידזשאַן, — אַזוי זאָגט דער טאַטע.

די ערשטע צייט האָט סעמי געהאַלטן אין איין אַרויסרעדן דאָס וואָרט: ביראָ־בידזשאַן. אים געפעלט דאָס וואָרט בירא, בירא, ביר, ביר, בי־דזשאַן!

— הערסט, מאַמע? דזשאַן! דער נאָמען פון מיינעם אַ חבר.

סעמי האָט זיך געשפּילט מיטן וואָרט ביראָ־בידזשאַן, ווי מען שפּילט זיך מיט אַ פּילקע.

די מאַמע שמייכלט: יאָ, אויס אַמעריקע. מיר זיינען שוין אין ביראָ־בידזשאַן.

אַלץ איז גוט. נאָר איין זאַך — סעמי האָט ניט מיט וועמען זיך צו שפּילן. ער איז דאָס אייגציקע קינד דאָ אין ישוב.

איז אומעטיק סעמין. ער הערט ווי מען רעדט:

— וואָס דרייט ער זיך אונטער די פיס?

דרייט זיך סעמי אַרום צווישן די גרויסע. זעט זייערע פאַר־האָוועטע פּנים׳ער, אַז וואוהין זאָל ער גיין?

שטייט סעמי צו צום טאַטן.

— טאַטע, וואו איז מיין שולע?

— ס'וועט גרעסער ווערן דער ישוב, וועט אויך אַ שולע זיין.

וואַרט סעמי און דערווייל איז אים אומעטיק. ער האָט ניט וואָס צו טאָן מיט זיינע הענט און פיס. וואַלגערט זיך סעמי אויף דער ערד, קוליעט זיך אין זאַמד, ביז ער ווערט מיד און אים איז ווידער אומעטיק.

אָפט דערשרעקט זיך די מאַמע: זי הערט ווי סעמי רעדט צו זיך אַליין:

— דו וועסט זיין דער לערער, און איך — דאָס קינד.

סעמי מאַכט נאָך מיט דער שטים אַ גרויסן:

— אויב דו וועסט מיך ניט פאָלגן, וועל איך דיך באַשטראָפן, געהערט?

— קענסט באַשטראָפן, — ענטפערט סעמי שוין מיט זיין שטים, און לאַכט זיך פונאַנדער.

לאַנג שפּילט זיך ניט סעמי מיט זיך אַליין. עס ווערט אים שנעל דערעסן. לייגט ער זיך אויף דער רויער ערד אַנטקעגן דער זון און קוקט אויפן הימל.

ער פּאַרוועט זיך מיט זיך אליין, ווי לאַנג ס'וועט נעמען ביז וואַנען אַט דער וואָלקן וועט צוקומען צו דער זון. ער ציילט: איינס, צוויי, דריי און צען, און צוואַנציק. און סעמי האָט אָנגעציילט ביז הונדערט. ענדלעך האָט דער וואָלקן פאַרשטעלט די זון. אָט באַווייזט זיך ווידער די זון, און שוין יאָגט זיך אויף איר אַן אַנדער וואָלקן.

סעמי ציילט און ציילט ביז ער ווערט מיד.

נאָך אַ רעגן שפּילט זיך סעמי אין שטיינדלעך. ער קלייבט זיי צונויף אַ גאַנצן באַרג און וואַרפט זיי אין לוזשע אַריין. ער וואַרפט אַריין אַ שטיינדל און וואַרט. אָט קומען קליינע כוואַליעס, ווי אַ פישל וואָלט אַרויפגעשוואומען.

אַזוי שפּילט זיך סעמי גאַנצע טעג מיט זיך אַליין און אים איז אומעטיק.

**
*

עס רודערט זיך אין ישוב. טאַטע־מאַמע לויפן אַרום צופרי־דענע. עס איז אָנגעקומען אַן עסקאַוואַטאָר.

סעמי הערט ווי מען רעדט:

— אַט איצט וועלן מיר אָנהויבן אַרבעטן.

סעמי באַטראַכט דעם עסקאַוואַטאָר. אַזאַ גרויסער, אַזאַ ריזיקער.

— הערסט, זאָלסט זיך ניט צורירן צום עסקאַוואַטאָר. קענסט נאָך אָפּהאַקן אַ פינגער.

סעמין קלאַפּט אין האַרצן און עס ציט אים צום עסקאַוואַטאָר. אַזאַ גרויסער. אַזאַ ריזיגער, אַזאַ שרעקלעכער און גוטער.

שטונדן־לאַנג זיצט סעמי און קוקט נאָך דעם עסקאַוואַטאָר. ער זעט ווי ער גראָבט זיך איין אין דער ערד, ער עפנט דאָס מויל, ווי צען לייבן. און דערנאָך גיט ער אַ שפּיי אַרויס אַזוי לייכט די ערד.

אַ טיפע גרוב האָט דער עסקאַוואַטאָר אויסגעגראָבן. 20 מענטשן וואָלטן ניט באַוויזן דאָס אָפּצוטאָן אין אַזאַ קורצער צייט. אַלע מאָל גיט דער עסקאַוואַטאָר אַ ברום, ווי אַ לייב, ווען מען גייט צו נאָענט צו זיין שטייג. סעמי האָט מורא פאַר אים און דאָך האָט ער אים ליב. די מאַמע וואָרנט אים:

דער עסקאַוואַטאָר דאַרף נאָר פאַרטשעפּען דיינע הויזן, און דו ביסט פאַרטיק.

סעמי פאַרשטייט ניט גענוי, וואָס עס מיינט „פאַרטיק״, נאָר פון דער מאַמעס רייד פאַרשטייט ער, אַז עס איז עפּעס שרעקלעכס.

סעמי האָט אָבער ליב דעם עסקאַוואַטאָר, ווייל ער איז אַזאַ שטאַרקער. עס דאַכט זיך אים, ווען דער עסקאַוואַטאָר וואָלט אַרויס אין מלחמה קעגן דעם גאַנצן ישוב, וואָלט ער זיי אַלע באַזיגט. אים ציט צום עסקאַוואַטאָר, ווי אַ קליין קינד צום פייער.

וואָס ווייטער האָט סעמי אָנגעוואָרן די מורא צום עסקאָוואַטאָר. נאָך דער אַרבעט, ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט סעמי באַטאַפּט די מאַשין, יעדעס שרייפּעלע.

— אַך, ווען ער וואָלט געקענט טרייבן דעם עסקאָוואַטאָר, ווי גוט אים וואָלט געווען. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שטימע. דאָס איז געווען דער בחור, וואָס טרייבט דעם עסקאָוואַטאָר.

— סעמי, אַוועק פון דער מאַשין.

סעמי איז פאַרציטערט געוואָרן.

ער האָט אויפגעהערט זיך שפּילן מיט דער זון, מיט שטיינדלעך. גאַנצע טעג האָט ער נאָכגעקוקט ווי דער עסקאָוואַטאָר אַרבעט. אים איז מער ניט אומעטיק, ער וואַלגערט זיך, ווי אַ הינטל, גאַנצע טעג לעבן דער מאַשין און וויל ניט אָפּטרעטן.

— סט׳שוין געזען אַ קינד, קען זיך ניט אָפּטשעפּען פון דעם עסקאָוואַטאָר.

איינמאָל האָט זיך סעמי געווענדט צו דעם בחור ביים עסקאָוואַטאָר:

— ווילסט אַ טרונק קאַלט וואַסער? איך וועל דיר ברענגען פון דער קרעניצע.

נאָך איידער דער בחור האָט באַוויזן צו ענטפערן, איז שוין סעמי ניט געוואָרן.

דער בחור שמייכלט צו זיך און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט. אים האָט ניט געוואונדערט סעמיס גרייטקייט. ער האָט שוין לאַנג נאָכגעקוקט סעמין און אים פאַרשטאַנען.

— וואָס ווילסטו דערפאַר?

סעמי האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט געשוויגן און געקוקט אויפן עסקאָוואַטאָר.

יענע נאַכט האָט סעמי ניט געקענט איינשלאָפן: עס האָט געגאָסן אַ שטאַרקער רעגן. דער רעגן האָט געקלאַפּט אין דאַך, און

סעמין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ פֿאָלק סאָלדאַטן גייט. סעמי האָט איינגעניורעט דעם קאָפּ אין קישן און געוואָלט איינשלאָפֿן, נאָר פּאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ נאַסער עסקאַוואַטאָר.

ס׳האָט אים אַ הויב געטאָן פֿון בעט. ער איז שטיל אַראָפּ, אַרונטערגעשלעפּט דעם ליילעך און אַרויס אין דרויסן. סעמי פּאַטשט מיט די באָרוועסע פּיס אין דער בלאָטע. דאָס העמדל ווערט נאַס און קלעפּט זיך צו זיין לייב. סעמי ציטערט פֿון קעלט, אָבער ער פֿילט עס ניט. ער איז איצט פֿאַרנומען מיט איין געדאַנק:

פֿאַרהיטן דעם עסקאַוואַטאָר פֿון רעגן. .

אָט קריכט שוין סעמי אויפֿן עסקאַוואַטאָר און דעקט אים איי־בער מיטן ליילעך.

סעמי לויפֿט צוריק. ער שטייט אין טיר און קוקט אין דער פֿינצטערניש. ער איז צופֿרידן, ער האָט געטאָן אַ גוטע אַרבעט. זיי, די גרויסע, האָבן אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן דעם עסקאַוואַטאָר. אָבער ער, סעמי, האָט ניט פֿאַרגעסן.

סעמי קוקט אויפֿן עסקאַוואַטאָר, וואָס זעט איצט אויס אין דער פֿינצטער, ווי אַ באַרג שניי.

מעריס ערשטע אַנטוישונג

מערי איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין שול. אירע לאַנגע בלאָנדע האָר זיינען געווען פֿאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ. די העל־בלויע אויגן האָבן צעשראָקן געקוקט. דאָס חנ׳עווידיקע הערבעלע אויף דער נאָז האָט נאָך מער פֿאַרשענערט איר פֿאַרשפּיצט פּנים. אַ שטימע האָט זי געהאַט אַ יונגע און אַ קלינגענדיקע. ווען זי האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז זי פֿאַרזופּט מיט עפּעס אַ גוטן געטראַנק יעדעס וואָרט.

מערי איז געווען פֿאַרליבט אין דעם לערער פֿון ליטעראַטור. איינמאָל, זיצנדיק אויף דער שול־באַנק, האָט זי זיך צוגעהערט, וואָס דער לערער פֿון ליטעראַטור האָט גערעדט. זי האָט געוואָלט הערן אויפמערקזאַם, נאָר די ווערטער זיינען אָפּגעשפּרונגען פֿון אירע אויערן, און עס האָט זיך באַקומען אַן איינטאָניקער קלאַנג. זי האָט באַטראַכט זיינע גרויע שטענדיק פֿאַרשנדיקע אויגן, די ברוינע האָר אויפֿן קאָפּ, וועלכע צעפּאַלן זיך אויף ביידע זייטן שטערן, און פֿון זיינע פֿולע ליפּן פֿליסן ווערטער. עס דאַכט זיך, אָן אַן אויפֿהער. זי וויל הערן, וואָס ער רעדט, און קען ניט. זי קוקט נאָך יעדן בויג פֿון זיינע ליפּן. און מיטאַמאָל כאַפּט איר אָן אַ פֿאַרלאַנג זיי אַ קוש צו טאָן. וואָס וואָלט געווען, ווען זי הויבט זיך אויף פֿון באַנק, גייט צו צום לערער און גיט אים אַ קוש? איר דאַכט זיך, אַז די ווענט פֿון שול־צימער רוקן זיך צונויף, די שילער פֿאַרשווינדן, נאָר זי און דער לערער פֿאַרבלייבן. זי האָט זיך פֿאַרשעמט. איר דוכט זיך, אַז דער לערער לייענט איר געדאַנק. אָט האָט ער זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף איר פּנים. זי לאָזט שנעל אַראָפּ די אויגן, ווי אַ

געכאַפּטע ביי אַ גנבה. און דער לערער קוקט אויף איר אַזוי פאַרשנ־דיק. זיינע ווערטער גייען ניט אַזוי גלאַט פון מויל. אַט פאַרטשעפּן זיי זיך, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אַנגעשטויסן אָן עפּעס. מערי ווערט בלאַס. דער לערער בלייבט שטיין, הערט־אויף רעדן און פרעגט מיט אַ מאָדנער פאַרטרוילעכער שטימע:

— מערי, איר פילט זיך עפּעס ניט גוט?

מערי קען ניט רעדן. נאָר עס רייסט זיך אַרויס פון אירע בלאַס־געוואָרענע ליפּן:

— גאָרניט, גאָרניט.

דער לערער האָט געהייסן אָנשרייבן אַ קאָמפּאָזיציע. ער האָט גערעדט צו אַלעמען און געקוקט אויף מערין. זיינע גרויע אויגן האָבן זיך לענגער פאַרהאַלטן אָן אירע אויגן. ביי מערין האָט דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטאָן פון דעם קוק. אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן איר אין מוח: זי וועט צולייגן צו דער קאָמפּאָזיציע אַ בריוו צו אים.

שנעל האָט זי אָנגעשריבן וועגן אַ גרינעם פרילינג, „ס׳ווילט זיך מיר עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב ניט, און עס ווערט מיר אומעטיק. איך האָב ליב דעם פרילינג מיט ווייטיק״...

און דערנאָך מיט אַ ציטער אָנגעשריבן אויף אַ באַזונדער בלעטל:

„טייערער ליבער לערער: פאַרוואָס קען מען ניט ליב האָבן דעם לערער ניט נאָר, ווי אַ לערער? עפּעס ציט מיר צו אייך. איך וואָלט אַזוי געפאַלן אייך אויפן האַרצן און שטיל געוויינט״...

זי האָט געענדיקט דעם בריוו און, ניט קוקנדיק אויפן לערער, אים אָפּגעגעבן.

עס זיינען אַוועק טעג און דער לערער האָט נאָך אַלץ די קאָמ־פּאָזיציע ניט אומגעקערט. זי האָט אויסגעמיטן דעם לערערס קוק. איינמאָל האָט זי זיך אומגעריכטערהייט געטראָפן מיט זיינע אויגן. ער האָט געקוקט אויף איר, ווי מען קוקט אויף אַ ניט לעבעדיקער זאַך. פּונקט ווי ער וואָלט געקוקט אויף דער וואַנט אָדער אויפן

טיש און דערנאָך רואיק אָפּגעפּירט די אויגן. זי האָט ניט געוואוסט, צי ער האָט שוין דעם בריוו געלייענט.

סוף וואָך האָט דער לערער אומגעקערט די קאָמפּאָזיציע. מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש האָט זי געעפנט דעם העפט. אפשר אַן ענטפער? און צו איר אַנטוישונג איז דער בריוו געלעגן אין העפט אַ ניט גע־רירטער.

— איז דאָס מעגלעך, אַז ער האָט דעם בריוו ניט געלייענט? ניט באַמערקט? און אפשר האָט ער יאָ געלייענט? טאָ פאַרוואָס האָט ער דעם בריוו צוריק אַרייַנגעלייגט. איין געדאַנק האָט געיאָגט דעם צווייטן.

מיטאַמאָל איז זי אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ טומל אין שול. די שילער האָבן געטומלט וועגן אַנקומענדיקן קאָנצערט. יעדערער האָט געוואָלט אויסגעקליבן ווערן צום דעקלאַמירן. מערי האָט זיך צוגעהערט צום טומל. איר איז אַלץ איינס געווען, זי איז געווען פאַר־נומען מיט אירע געדאַנקען.

— מערי וועט אויפטרעטן אויפן קאָנצערט, — האָט זי דער־הערט דעם לערערס שטימע.

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון אומגעריכטקייט, און זיך אויפ־געשטעלט צו נעמען די דעקלאַמאַציע.

— איינשטודירן וועט איר זיין אַזוי גוט קומען צו מיר אַהיים.

מערי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און גאָרניט געענטפערט. די נאַכט איז מערי ניט געשלאָפן.

מיט האַרצקלאַפּעניש איז מערי אויף מאָרגן געגאַנגען צום לע־רער. איין געדאַנק האָט פאַרשטופּט דעם צווייטן. וואָס וועט זיין? ווי אַזוי וועט ער זיך באַנעמען צו איר? דאָס קלאַפּן פון האַרץ האָט פאַרטויבט די געדאַנקען.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט זי אָנגעקלונגען. דער לערער האָט איר געעפנט די טיר. ער האָט זי געבעטן זיצן. זי האָט זיך געזעצט און זיך אַרומגעקוקט. דער צימער איז געווען אַ גרויסער.

אַ ליכטיקער מיט בלומען־טעפּ אויף די ווייסע פענצטער. די זון האָט אַריינגעקוקט. אויפן דיוואַן — אַ טערקישער טעפּיך, נאַכלעסיק אַרונטערגעהאַנגען. בילדער האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט און גערופן צו זיך אין פאַנטאַסטישע וואַסערן און וועלדער. אַ מיידל איז פאַרשעמטערהייט געשטאַנען ביים ברעג פון טייך אַ נאַקעטע. מערי האָט אַלץ באַטראַכט און אויף אַ ווילע פאַרגעסן, ווער עס זיצט לעבן איר.

ער האָט נאָכגעקוקט איר יעדע באַוועגונג, נאָכגעקוקט יעדן קער פון איר קינדישן פּנים.

— נו, מערי, ווי געפעלט אייך ביי מיר אין הויז?

מערי האָט געשמייכלט.

— ווילן מיר לערנען די דעקלאַמאַציע?

מערי האָט זיך געכאַפּט און דערמאָנט נאָך וואָס זי איז געקומען.

— געוויס.

—איר ווילט שוין? — האָט ער מיט אַ גוטער שטימע געפרעגט.

ער האָט גענומען איר קאָפּ און אַ קוש געטאָן.

— קליינע, גוטע מערי, איך האָב געלייענט דיין בריוו.

זי האָט אַ ציטער געטאָן. רויטע פלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף אירע באַקן.

— האָסט געזאָגט אין בריוו דאָס, וואָס איך וואָלט דיר געדאַרפט שוין לאַנג זאָגן. האָסט דען ניט געפילט, ווי מיין האַרץ ציט צו דער קליינער מערי. האָסט מיך צוריק יונג געמאַכט. מיר ווילט זיך, ווי דו, שפּרינגען, לויפן.

ער האָט זי צו זיך אויפן שויס גענומען. איר קאָפּ אויף זיין אַקסל געלייגט. זי האָט זיך נאָכגעגעבן, ווי אַ קראַנק קינד. זי האָט באמת קראַנק אויסגעזען. מיט פאַרפלאַמטע באַקן פון היץ, האָט זי צוגעמאַכט די אויגן.

— מערי, מיר איז דאָך אַזוי גוט. מערי איז מיין קליין קינד.
מערי האָט זיך צוגעטוליעט צום לערער. איר האָט זיך געוואָלט אַזוי בלייבן זיצן אייביק, אייביק. מיטאַמאָל איז זי אומרואיק געוואָרן. זי האָט זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פון איר לערערס האַרץ. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אין זיינע גוטע אויגן און אים אָנגעהויבן קושן. זי האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט. און מיט אירע שפּיצן פינגער געזוכט זיינע ליפּן. זי האָט אַ ציטער געטאָן, ווען זי האָט פּלוצלונג דערהערט דעם לערערס שטימע:
— מיין קליינע מערי. אמת, וועסט קומען צו מיר אָפט?
דאָס צווייטע מאָל איז מערי געגאַנגען צום לערער, ווי צו אַ געליבטן. זי האָט קיינעם ניט באַמערקט. עס איז איר קיינער ניט אָנגעגאַנגען. זי האָט געקוקט אויף די מענטשן און זיי ניט געזען. געזען האָט זי אין יעדן איר לערער. ווי מיט אַ נעפּל האָבן זיך פאַרצויגן אַלעמענס פּנים׳ער, און זיין פּנים איז אויפגעשוואומען. דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט און, ווי וועלנדיק איינהאַלטן דאָס קלאַפּן, האָט זי צוגעהאַלטן איר האַרץ מיט די הענט. ס׳אַראַ לאַנגע גאַסן! ווי לאַנג זיי ציען זיך. ווי קיינמאָל ניט ביז איצט, גיכער, גיכער צו יענער גאַס, וואו דעם לערערס הויז שטייט. די גאַס איז איר פּלוצלונג געוואָרן אַ נאָענטע, אַן אייגענע, אַ טייערע. ווען זי וואָלט געקענט וואָלט זי דאָס גאַנצע הויז אויסגעגלעט, מיט די הענט אַרומגענומען. אָט איז שוין דאָס פענצטער מיט די ליכטיקע פאַרהאַנגען. הינטער די בלומען־טעפּ באַוועגט זיך אַ מענטש. דער לערער איז דאָס, זי וואָלט דורכן פענצטער אַריינגעטאַנצט. זי קוקט זיך איין אין לערערס פּנים. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ניט אַריינגיין. און מיט דער האַנט ווייזט ער אָן אויף דער הינטער־טיר.
— וואָס איז דאָס? ע ר באַהאַלט זיך אויס פאַר מענטשן? פאַר־וואָס־זשע אַרט איר ניט, אַז מענטשן וועלן וויסן. זי וואָלט פאַר אַלעמען אויסגעשריען, אַז זי האָט ליב איר לערער. זי איז געבליבן שטיין פאַרן פענצטער און געקוקט אַזוי מאָדנע פּוסט. מיט אַ קוק,

וואָס דריקט גאָרניט אויס. זי האָט געזען דייטלעך ווי דער לערער ווייזט איר אָן אויף דער הינטער־טיר און, מורא האָבנדיק, מען זאָל אים ניט באַמערקן, איז ער אַוועק פון פענצטער.

— ער האָט מורא! ער באַהאַלט זיך מיט איר.

מיטאַמאָל האָט זי געקראָגן אַ שלעכט געפיל צו אים. ער איז געוואָרן קליין אין אירע אויגן: ווי מאָדנע ער האָט אָנגעוויזן אויף דער הינטער־טיר.

אַ שטאָלץ האָט אָנגעפילט איר האַרץ. — אַוועק פון דאַנען און וואָס שנעלער! און, אַזוי ווי געיאָגט פון אימיצן, האָט זי זיך געלאָזט לויפן פון הויז.

אַ לעבן

ס׳איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער טאָג. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער רעגן האַלט זיך איין פון פאַלן, ווי אַ מענטש פון וויינען... דער ווינט האָט געדרייט די פּאַפּירן אין דער לופטן, צונויפגעקליבן זיי אין איין באַרג, ווי אַ גרויסער בעזים וואָלט זיי צונויפגעשאַרט...

ראָזעס פענצטער איז געווען האַלב אָפן. טאָמער גיט אימיצער אַ רוף, זאָל זי שנעלער דערהערן. אין פענצטער איז געשטאַנען אַ קליין אָפּגעריבן שילדל: „ר אָ ז ע ד י ד ר ע ס מ אַ כ ע ר י ן“.

אַ פינצטערער קאָרידאָר האָט געפירט צו ראָזעס טיר. מ׳האָט געדאַרפט אָפּגיין אַ צען טריט אין קאָרידאָר און דערנאָך אָנטאַפּן מיט דער האַנט די טיר.

פון גאַס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אָפענעם פענצטער דער טומל פון די פּושקאַרט־פּעדלער. פאַר די פענצטער זיינען געשטאַנען אַש־קענס, זעק מיט מיסט, צעריסענע מאַטראַצן און נאָך אַלטוואַרג. די ווענט פון די הייזער זיינען געווען פאַרשריבן מיט קרייד.

גאָלדעלע איז געלעגן אין בעט. שוין לאַנג, אַז זי איז קראַנק. אַלע קינדערשע קראַנקהייטן האָט שוין גאָלדעלע דורכ־געקרענקט, אפילו קראַנקהייטן פון גרויסע.

— ווען מען וואָלט דורכגעפירט אַ קאָנטעסט פון קראַנק־הייטן, וואָלט מיין גאָלדעלע זיכער געוואונען דעם ערשטן פּרייז, — זאָגט ראָזע מיט אַ ביטערן שמייכל.

גאָלדעלע איז אַלט ניין יאָר, נאָר איר קערפּערל איז אַ

קליינס און אַן אויסגעדאַרטס, ווי פון אַ קינד פון זעקס יאָר. נאָר אירע קלוגע בלויע אויגן שיינען אַרויס פון איר בלאַסן פּנים און זעען אַלץ, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. גאָלדעלע רעדט טאַקע ווי אַ דערוואַקסענע:

— מאַמע, ס׳וועט שוין זיין אַ רעגן, ס׳דרייען מיר די פיס.

ראָזעס צימער איז צעטיילט אויף צוויי העלפטן מיט אַ דין ווענטל. אין ׳איין העלפט איז איר „שאַפּ״. אין דער צווייטער העלפט — דער שלאָפצימער. אין דעם „שאַפּ״ שטייט אַן אַלטע זינגער מאַשין און אַ גרויסער אומגעלומפּערטער צושנייד־טיש, וואָס מאַכט ענג אין צימער, ווי אַ גרויסער שטיין אין מיטן וועג. אויפן טיש וואַלגערן זיך אַלטע מאָדע־זשורנאַלן. אויף די ווענט הענגען האַלב־אויפגעניייטע און פאַרענדיקטע קליידער. אַ גרויסער שפּיגל שטייט אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט. דער שפּיגל איז אַלט און באַדעקט מיט פלעקן, ווי פליאַמעס אונטער דער הויט. ביינאַכט רוקט מען צו דעם טיש צו דער וואַנט, און פון שאַפּ ווערט אַ שלאָפצימער פאַר ראָזען מיט איר מאַן. אַן עלעקטריש לעמפּל איז אַראָפּגעצויגן איבער דער מאַשין. דאָס לעמפּל ברענט בייטאָג און ביינאַכט.

די צווייטע העלפט איז פאַר גאָלדעלען מיט איר ברודער.

דאָס צימער איז פאַרוואָרפן מיט אַלטע ביכער, מיט אָפּ־געריסענע טאָוולען. אַ קעסטל מיט פאַרשיידענע געצייג שטייט אין אַ ווינקל.

גאָלדעלעס ברודער, ווילי, איז אַלט דרייצן יאָר. ער איז הויך געוואַקסן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ קאָפּ געדיכטע געקרייזלטע ברוינע האָר. אַזוי ווי אויף צו להכעיס דער נאַטור, איז ווילי אויסגעוואַקסן אַ געזונטער אין דעם פינצטערן צימער מיט דער פאַרשטיקטער לופט.

ווילי איז שוין זעלבסטשטענדיק. בייטאָג גייט ער אין היי־סקול און אין אָוונט אין אַ ספּעציעלער טעכנישער שול צו

לערנען זיך אויף מעכאַניקער. און פונדעסטוועגן געפינט נאָך ווילי צייט אַרויסצוהעלפן אין הויז. דאַרף מען גיין אַ גאַנג איז ווילי; האָט זיך עפּעס צעבראָכן אין הויז, פאַרריכט עס ווילי; דאַרף מען אָפּטראָגן אַ שטיקל אַרבעט, טוט עס ווילי.

אַ גאַנצן טאָג ליגט גאָלדעלע אין בעט. נאָר אַז ווילי קומט אַהיים, מוז גאָלדעלע אַרויסגיין. ווילי מאַכט צו די טיר און גרייט צו זיינע לעקציעס. קען מען אים ניט אָפּרייסן פון דער אַרבעט.

— ווילי, שוין גענוג געאַרבעט, גיי אַביסל אַרויס אין דרויסן.

— ווילי, לייג זיך שלאָפן, ביסט דאָך מיד.

ס'העלפט גאָרניט. נאָר אַז ווילי דערהערט:

— ווילי, דריי אויס די עלעקטריק, ס'קאָסט געלט, — איז אין אַ מינוט אַרום פינצטער אין צימער.

ווילי איז די פרייד פון דער משפחה. אויף אים לייגט די מאַמע אַלע אירע האָפענונגען: אַז ווילי וועט אויסוואַקסן און קענען פאַרדינען, דעמאָלט וועלן מיר אפשר ווערן שטיקלעך מענטשן.

ווען גאָלדעלע דערזעט ווילין, ווערט זי גאָר אויפגעלעבט. זי האָט זייער ליב איר ברודער. ראָזע דערציילט, אַז איינמאָל האָט אַ טראָק אומגעוואָרפן ווילין אין גאַס. פון שטאַרקן קלאַפּ און פון שרעק האָט ווילי גע'חלש'ט. אַז מ'האָט אַריינגעבראַכט ווילין אין שטוב אַ פאַר'חלש'טן, האָט גאָלדעלע שטאַרק געוויינט און זיך געוואָלט אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער. מ'האָט זי קוים צוריקגעהאַלטן.

גאָלדעלע וויל, אַז ווילי זאָל זיך שפּילן מיט איר. נאָר ווילי האָט קיין צייט ניט.

— לאָז מיך, גאָלדעלע, צורו, דו זעסט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען.

גאָלדעלע וויל פון דעם ניט וויסן. זי האָט אַ גאַנצן טאָג געוואָרט אויף אים. זי צעוויינט זיך און רעדט מיט רייד פון אַ דער־וואַקסענער:

— אַ ברודער ביסטו, אַ שאָד, וואָס איך רוף דיך ברודער!
— און טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן.

זי וואָלט איצט געוואָלט דערציילן איר ברודער אַ סך. אַלץ, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען אַ גאַנצן טאָג פון די פרויען, וואָס קומען זיך לאָזן נייען קליידער ביי דער מאַמען. אַז זי האָט ניט מיט וועמען צו רעדן! אַז די מאַמע איז שטענדיק פאַרנומען ביי דער מאַשין! און אַז גאָלדעלע כאַפּט אַריין אַ מינוט און הויבט אָן דער מאַמען דערציילן די פּלענער אירע, זאָגט די מאַמע:

— גאָלדעלע, גיי אַוועק פון מיר, ס'פּלאַצט מיר דער קאָפּ פון וויטיק, האָסט שוין מיר פערצן מאָל דערציילט.

צום טאַטן קען גאָלדעלע אויך ניט רעדן. אַז דער טאַטע קומט אַהיים אין אָוונט פון אַ גאַנצן טאָג זוכן אַרבעט און טרעפט די מאַמען איינגעבויגן איבער דער מאַשין, איז אַ סכנה מיט אים אַ וואָרט אויסצורעדן. ער שפּרייזט פון איין צימער אין צווייטן אַ שווייגנדיקער, ווי ער וואָלט גאָר אַ שטומער געווען. זי הערט נאָר, ווי די מאַמע, ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון דער מאַשין, פרעגט דעם טאַטן:

— נו, געפונען?

— ניין, — ענטפערט ער אָפּגעהאַקט, ווי די מאַשין וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטעפּן.

איז צו וועמען זאָל גאָלדעלע אויסרעדן אַ וואָרט? וויינט גאָלדעלע אויפן קול:

— אַ ברודער ביסטו? אַ גזלן ביסטו! — ביז די מאַמע טראָגט צו גאָלדעלען אַן אָפּגעריבן שפּיגעלע און זאָגט:

— קוק זיך אָן, זעסט אויס ווי אַ זויערע אוגערקע, ווען דו וויינסט.

דעמאָלט ווישט גאָלדעלע שנעל אויס די אויגן. זי וויל זיין שיין.

גאָלדעלע גייט אין סקול. נאָר אַז זי גייט איין טאָג, דאַרף זי צען טעג ליגן אין בעט. זי שעמט זיך שוין צו זיין קראַנק. זי ליגט אין בעט אַן אָנגעטאָנענע: טאָמער קומט אימיצער אַריין, זאָל מען מיינען, אַז זי איז געזונט. ווען מען פרעגט גאָלדעלען:

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס? ביסט קראַנק?

ענטפערט גאָלדעלע אויף שנעל אָפּ:

— ווער זאָגט עס? איך בין געזונט.

גאָלדעלע איז מיד פון ליגן אין בעט. אירע אַלע ביכלעך האָט זי שוין איבערגעלייענט צען מאָל. צום בעסטן האָט זי ליב די פאַרבן, וואָס זי האָט געקראָגן פון ווילין. ליגט זי אין בעט און מאָלט:ביימער, גראָזן, בלומען — אַלץ, וואָס זי קען ניט זען דורכן פענצטער...

היינט האָט גערעגנט אין דרויסן. דער רעגן האָט זיך אַריינגעריסן דורכן האַלב־אָפענעם פענצטער. ראָזע האָט זיך היינט פאַרגונען לענגער צו ליגן אין בעט. זי איז געווען זיכער, אַז קיינער וועט צוליב דעם רעגן ניט קומען. זי האָט ניט געקענט עפענען די אויגן. אַזוי האָט איר דער קאָפּ וויי געטאָן. מיט־אַמאָל האָט זי דערהערט דורך דעם פענצטער, ווי אַ מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז. אימיצער האָט אויסגעשריען:

— יו־הו, ראָזו!

ניט־טויט און ניט־לעבעדיק האָט זיך ראָזע אַ ריס געטאָן פון בעט צום פענצטער.

— ראָזו, כ׳וויל זיך היינט אויפנייען אַ קלייד צו אַ „פּאַרטי״, האָט אַן אויסגעפּוצטע ליידי געררופן פון דער מאַשין אַרויס, — איר וועט נאָך קענען היינט אויפנייען?

— געוויס, געוויס, וואָס פאַר אַ פראַגע.

ביז די לײדי איז אַרויס פון דער מאַשין און דורכגעגאַנגען דעם פינצטערן האָל, איז ראָזע שוין געווען אָנגעטאָן.

— סעי, אײַך איז גוט, איר שלאָפט אַזוי שפּעט. שוין נײַן אַזייגער, און זי שלאָפט נאָך.

ראָזע פאַרענטפערט זיך מיט אַ ביטערן שמייכל:

— איך פיל זיך ניט גוט.

די לײדי צעוויקלט אַ פּעקל, און עס גיט אַ בלאַנק פאַר די אויגן אַ העל־בלויער זייד.

גאָלדעלע שטייט שוין לעבן טיש און טאַפּט מיט די הענט־לעך דעם זייד. ביי ראָזען לויפט דורך אַ געדאַנק:

דער בלויער זייד פּאַסט זיך אַזוי צו גאָלדעלעס אויגן.

— אוי, מאַמע, אַזאַ קלײדעלע וואָלט איך געוואָלט האָבן פאַר מיר.

— גיי, מיין קינד, אין בעט, ביסט דאָך קראַנק.

גאָלדעלע ווערט אָנגעצונדן. זי לאָזט וויסן דער מאַמען מיט אַ טופּ מיטן פיסל, אַז זי זאָל עס ניט זאָגן.

— ווער זאָגט עס, אַז איך בין קראַנק, איך בין געזונט!

גאָלדעלע וואָלט כאָטש וועלן האָבן אַ שטיקל בלויען זייד פאַר איר ליאַלקע, נאָר זי האָט מורא אַרויסצוזאָגן עס הויך. זי דערמאָנט זיך, ווי זי האָט איינמאָל פאַר אַ שטיקל זייד געכאַפּט פון דער מאַמען אַ גוטן פּסק. זי האָט אַמאָל גענומען אַ שטיקל גרינעם זייד, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל נאָכן צושניידן. זי האָט דערפון געמאַכט אַ קלײדעלע פאַר איר ליאַלקע. גראָד אין דער צייט איז אַרײַנגעקומען די פרוי פון דעם גרינעם זיי־דענעם קלייד:

— ווייזט אויס, אַז איר האָט מיר געהייסן קויפן צופיל זייד. איך זע דאָך, אַז אייער קינד שלעפּט שטיקער זייד.

ס'האָבן ניט געהאָלפן דער מאַמעס דערקלערונגען. די פרוי

איז מער ניט געקומען. פון דעמאָלט אָן ציטערט גאָלדעלע זיך צו ווייזן מיט די ליאַלקע־קליידעלעך פאַר די קאָסטימער.

— הערט, ווייזט מיר עפּעס אַ שיינעם סטייל פאַר מיין קלייד, — האָט געזאָגט די ליידי.

ראָזע האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש עטלעכע זשורנאַלן מיט פאַרשיידענע סטיילס. די ליידי האָט זיך איינגעגראָבן אין די זשורנאַלן, זיי געבלעטערט און אַלע ווײַלע אָפּגעזיפצט, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ לעבנס־פראַגע. ניט אַראָפּנעמענדיק אירע אויגן פון זשורנאַל, האָט זי געעפנט איר פּאַקעטבוק, אַרויס־גענומען טשואינג־גאָם און אַריינגעלייגט אין מויל.

— ראָוז, אָט אַזאַ קלייד וויל איך האָבן, נאָר וואָס דען? איר וועט דאַרפן מער אויסטיילן די פיגור.

ראָזע האָט זי שוין געקענט. די פּוסט־און־פּאַסניצע האָט מקריב געווען אין זיך די מוטער, מורא האָבנדיק צו פאַרלירן די פאָרם פון אירע ברוסטן. ניט איינמאָל, קוקנדיק אויף גאָל־דעלען, האָט די ליידי געקרעכצט:

— אַך, איך וואָלט געוואָלט האָבן אַ מיידעלע ווי אייערע, נאָר פאַרשטייט זיך, אַ געזונטע. כ׳וואָלט זי שוין געקענט פאַר־זאָרגן מיט אַלץ. נאָר כ׳האָב מורא, כ׳וועל פאַרלירן מיין פיגור.

פון איבערן ווענטל האָט זיך דערטראָגן גאָלדעלעס שטימע:

— מאַמע, כ׳וויל עפּעס עסן.

— באַלד, גאָלדעלע, — האָט ראָזע געענטפערט. ס׳האָט איר אַ ריס געטאָן ביים האַרצן: דאָס קינד האָט נאָך היינט ניט געגעסן, זי אַליין אויך ניט. אָ, צו וואָס דאַרף זי אויסהערן די רייד פון דער ליידי, וואָס זי האָט שוין געהערט צום צענטן מאָל. אָבער אַוועקגיין קען זי ניט: זי וועט זיך נאָך באַליידיקן און מער ניט וועלן קומען.

די ליידי שטייט ביים שפּיגל און באַטראַכט זיך:

— איר ווייסט, מיר דאַכט זיך, אַז איך בין געוואָרן פּעטער, כ'וועל דאַרפן צוגיין צו מיין דאָקטאָר.

— איז אויב איר ווילט דעם סטייל, — גנב'עט ראָזע שטיל אַריין די ווערטער, — וועל איך אייך צושניידן דאָס קלייד. — זי טראַכט דערביי:

„ווער עס דאַרף זיך היטן פון צופיל עסן, און ווער עס האָט ניט גענוג צו עסן. ווען איך וואָלט געהאַט פאַר גאָלדעלען דאָס עסן, וואָס דער דאָקטאָר שרייבט איר צו, וואָלט זי דאָך געזונט געוואָרן".

— מאַמע, — רופט גאָלדעלע ווידער, — איך חלש עסן, איך פיל ווי עס האַקט מיר אין קאָפּ פון הונגער, — רעדט גאָלדעלע, ווי אַ גרויסע.

ראָזע שניידט צו דאָס קלייד. אירע הענט ציטערן:

— באַלד, מיין קינד, — כ'וועל נאָר צושניידן דאָס קלייד.

גאָלדעלע ווערט אַנטשוויגן.

— הערט, — זאָגט די לידי, — איך פאַרשטיי אייך ניט. ניט גענוג, וואָס איר דאַרפט מאַכן אַ לעבן פאַר אייער מאַן, דאַרפט איר נאָך פאַרען זיך אין קיך אויך? און האָדעווען קינדער? איר זייט אַ געבוירענער שקלאַף.

ראָזען ווילט זיך אויסשרייען:

„דו אויסגעפּוצטע ליאַלקע, וואָס קריכסטו מיט דיינע פיס צו מיר אין האַרצן!" נאָר זי זאָגט קיין וואָרט ניט.

— וואָס אַרט עס אייער מאַן, אַז איר אַרבעט אויף זיינע קינדער. איך וואָלט אַזאַ נאַר ווי איר ניט געווען. איר זייט נאָך אַ יונגער מענטש, און איר גייט אונטער פאַר דער צייט.

דאָס בלוט האָט אַ זעץ געטאָן ראָזען אין קאָפּ. אָבער זי שווייגט.

די לידי קייט דעם טשואינג־גאָם, קנאַקט מיט דער צונג. דאָס מאַכט ראָזען נערווועז ביז משוגעת. זי מאַכט צו די אויגן:

וואָלט זי כאָטש אויפגעהערט קייען דעם טשואינג־גאָם!
דאָס קייען פון דעם גאָם ווירקט אויף איר, ווי טראָפּנס וואַ־סער כסדר אויפן קאָפּ.
זי לייגט אַוועק די שער. זי קען שוין מער ניט אויסהאַלטן.
— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, כ׳וועל נאָר עפּעס צושטעלן פאַרן קינד.
— הם, — קרימט זיך די ליידי, — אַ שיין קינד, ס׳איז דאָך שוין אַ מויד פון ניין יאָר.
ראָזע גייט אַרויס אין קיך אַריין. זי הערט, ווי די ליידי זאָגט:
— איך האָב אפילו קיין צייט ניט, איך דאַרף נאָך קויפן זיך היינט אַ הוט און שיך, וואָס זאָלן זיך צופּאַסן צום קלייד.
גלייך ווי ראָזע איז אַריין אין קיך, איז זי צוגעלאָפן צום סינק און אויסגעטרונקען אַ גלאָז קאַלט וואַסער. אַז זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט זי צוגעשטעלט אויף שנעל עסן פאַר גאָלדעלען.
ווען ראָזע איז אַריינגעקומען אין צימער, האָט זי געטראָפן די ליידי שטיין ביים פענצטער און גענעצן:
— ס׳אַראַ שמוציקער יאַרד ביי אייך, ס׳איז אַ געפאַר צו אָטעמען. איר ווייסט, איך פאַרשטיי טאַקע ניט, וואָס מיך שפּאַרט אַהער צו קומען. עס נעמט מיר אַ האַלבע שעה מיט דער מאַשין צו קומען צו אייך. און איר נייט דאָך ניט אָן געלט אויך. — זי לאַכט: — דריי דאָלאַר איז געלט. אָט אַרבעט איר אַ גאַנצן טאָג פאַר דריי דאָלאַר.
ראָזע שווייגט, נאָר אין האַרצן קאָכט.
— איר אַליין צעלאָזט אייער מאַן. דאָס וואָס איר שקלאָפּט פאַר אייער מאַן, איז אייער אייגענע שולד. איר מאַכט אים פויל.
„פויל?“ טראַכט ראָזע מיט ווייטיק. „גאַנצע טעג שלעפּט ער זיך איבער די שעפער צו געפינען אַרבעט“.

— וואָס רעדט איר ? — רייסט זיך אַרויס ביי ראָזען, — ער שטייט דאָך אויף פּאַרטאָג און לויפט זוכן אַרבעט.

— כאַ, כאַ, כאַ, איך קען פאַר אים ניט שווערן. איך ווייס ניט, וואו ער ווערט פאַרפאַלן אויף אַ גאַנצן טאָג.

ווי אַ שטיקל פלייש, וואָס פאַר'גנב'עט זיך צווישן די ציין, און ס'איז שווער עס אַרויסצוצונעמען, אַזוי האָט ראָזען אָנגעהויבן עגבערן דער געדאַנק, און זי האָט פון אים ניט געקענט זיך באַפרייען.

אפשר איז זי טאַקע גערעכט ? ווער ווייסט, וואו ער ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג ?

שפּעט אין אָונט, ווען ראָזע איז אַ מידע געלעגן אויפן בעט, איז דער מאַן אַהיים געקומען פון אַ מיטינג פון זיין יוּ־ניאָן. ער איז אַריין אַ פאַרשוואַרצטער, אָבער זיינע אויגן האָבן געלויכטן.

ראָזע האָט אים צום ערשטן מאָל פאַרדעכטיק אָנגעקוקט.

ער איז אַריין אין צימער, אַ קוק געטאָן אויף די קינדער און דערנאָך צו צו ראָזען, זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, און געזאָגט :

— ראָזע, מיר וועלן געווינען. דער אַרבעטלאָזער ביל איז שוין אין קאָנגרעס. די אַרבעטער איבערן לאַנד שטורעמען און פאָדערן, מען זאָל דעם ביל אָננעמען !

ראָזע האָט געקוקט אויף איר מאַן, זיך צוגעהערט צו אים. אירע פריערדיקע געדאַנקען זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. זי האָט דערפילט דעם אמת אין זיינע רייד.

ער איז אַריין אין קיך. ראָזע איז געבליבן ליגן אויפן בעט. אַ שמייכל האָט באַלויכטן די מידקייט אויף איר פּנים.

דער ציין־דאָקטאָר

דער אַראַבער מאַכמוד איז אַ צעדולטער אַוועק אַהיים. די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן זיינען אַרומגעלאָפן איבער די ווייסלען, זיין ברוינער שטערן איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט קנייטשן, ווי רואיק וואַסער נאָך אַריינוואַרפן אַ שטיין. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז ער געווען אַזוי נאָענט צו אַ ווייסער פרוי. און דאָס איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט. נאָך אַ גאַנצער נאַכט ניט שלאָפן און ליידן פון צאָן־ווייטיק, איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ שילד פון אַ ציין־דאָקטאָר. ער איז אַריין, און צו זיין פאַרוואונדערונג האָט ער דערזען אַ פרוי. אַ יונגע, אַ ליכטיקע ווי ליכטיק עס איז דער מאַנדלבוים אין בליען, אַ שלאַנקע, ווי אַ פאַלמע. און בלויע אויגן האָט זי געהאַט, ווי דער הימל אין די הייסע מזרח־טעג. און אַ לייב — ווייס ווי דער יאָדער פון קאָקוס ניס.

זי האָט אים דעם קראַנקן צאָן אַרויסגעריסן.

איצט גייט ער אַהיים. און אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ חלום. ווען ניט דאָס ליידיקע אָרט אין מויל, וואָס דערמאָנט אַ נידעריק פאַרמויערטע וואַנט, וואו עס פעלט אַ ציגל, וואָלט ער זיכער געווען, אַז דאָס איז אַ חלום.

„וואָס פאַר־אַ ווייכע שפּיצן־פינגער, קיל און צאַרט ווי פרישע ווינטרויבן".

די נאַכט איז ער ניט געשלאָפן. ער האָט זיך אויף זיין קעמל געזעצט און געלאָזט זיך צום ברעג פון ים. גייט דער קעמל פאַמעלעך אין פייכטן זאַמד. יעדע כוואַליע, וואָס קומט אָן, באַנעצט אים די פיס.

זיצט מאַכמוד אויפן קעמל און קוקט אין דער ווייטקייט פון דער נאַכט. זיינע ליפּן שעפּטשען: חכים מתנן (ציין־דאָקטאָר), אָ, אַלאַ!

ער הערט זיך צו צו דעם קלינגען פון די גלעקלעך אויפן קעמלס האַלדז, און אים דאַכט זיך, אַז ער זינגט אַרויס אַ ליד צו איר, צו דער חכים מתנן. איז אים גוט אַזוי. דער קעמל באַוועגט זיך פּאַמעלעך. די גלעקלעך קלינגען, און ער ווערט איינגעוויגט אויפן וואַרעמען האַלדז פון קעמל.

פאַרטאָג. דער פּאַסטוך טרייבט די טשערעדע צו דער פּאַשע. בהמות מוקען אין בלויען פאַרטאָג אַריין.

מאַכמוד ליגט אויף די טרעפּ ביים אַריינגאַנג צו דער חכים מתנן. הערט זיך צו צו דעם שטומען אויסגעשריי פון די בהמות, און אים דאַכט זיך, אַז פון אים שרייט עס שטום אַרויס. ווען ער וואָלט געקענט אַרויסזאָגן איר אַלץ, וואָס ער פילט. זי, די הייליקע חכים מתנן, וואָלט אים זיכער פאַרשטאַנען, זי איז דאָך אַזאַ ליכטיקע, ווי דער מאַנדלבוים אין בליען. ער דערמאָנט זיך אין איר און אַ קעלט לויפט אים דורך איבערן לייב, ווי ער וואָלט מיט זיין צעגליטן קערפּער אַריין אין אייז־קאַלטן וואַסער. נאָר אים איז דאָ גוט אַזוי. דאָ אויפן הילצערנעם בריקל, דאָ וואו זי האָט געטראָטן. ער איז אַזאַ גוטער איצט. ער וואָלט אַלעמען גוטס געטאָן. ווען ער וואָלט איצט ניט געדאַרפט וואַרטן ביז די טיר וועט זיך עפענען, וואָלט ער צום פּאַסטוך געלאָפן און אים געהייסן גיין שלאָפן. ער וואָלט פאַר אים זיין אַרבעט אָפּגעטאָן.

אין דרויסן איז שטיל. דער פּאַסטוך מיט דער טשערעדע איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן. ער מאַכט צו די אויגן און שלאָפט איין אַ מידער. אים חלומ׳ט זיך, אַז זי, זיין חכים מתנן, איז אַרויס צו אים אין ווייסן, קוקט אויף אים און שמייכלט. ער פילט ווי זי גלעט אים אַזוי צאַרט, ווי איר האַנט וואָלט געווען פון טייערן פוטער. ער פילט אַזוי גוט. זיין האַרץ צעקלאַפּט זיך שטאַרק. ער עפנט אויף די

אויגן. לעבן אים שטייט אַ מאַכנאַטער הונט און גלעט מיטן פּוכקן עק זיינע באַקן. ער האָט זיך אויפן הונט ניט צעבייזערט, נאָר אים אויף די קני גענומען און געגלעט, ווי ער וואָלט אים דאַנקבאַר געווען פאַר די פאַרשאַפענע פאַר מינוטן גליק.

פלוצלונג האָט ער דערהערט טריט הינטער דער טיר. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן.

די טיר האָט זיך געעפנט און אין איר איז געשטאַנען די חכים מתנן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי וויידך געפרעגט, — עס טוט דיר ווידער וויי אַ צאָן?

ער האָט ניט געענטפערט, נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ.

זי האָט אים אַריינגעפירט אין קאַבינעט.

— עפן דיין מויל, וועל איך זען דעם צאָן.

אַזוי ווי אַ היפּנאָטיזירטער האָט ער דאָס מויל געעפנט. זי האָט מיט איין האַנט געהאַלטן זיין שטערן און מיט אַן אינסטרומענט אין דער צווייטער האַנט געניטשטערט אין מויל.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. געפילט אירע פינגער אויף זיין פנים. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט אין צווייגן ווייב־טרויבן פאַרפלאָנטערט זיין פנים.

— וויינ מיר, וואָס פאַר אַ צאָן עס טוט דיר וויי. איך געפין גאָרניט.

— אָט־אָ דער צאָן, — האָט ער אַ צעמישטער אָנגעוויזן אויפן ערשטן בעסטן.

זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, באַטראַכט דעם צאָן.

— ס'קען ניט זיין. דער צאָן איז אינגאַנצן געזונט.

— ניט דער צאָן, נאָר די יאַסלע פון צאָן.

זי האָט באַטראַכט די יאַסלע און אויך גאָרניט געפונען.

זי האָט אָנגעהויבן קוקן פאַרוואונדערט אויפן אַראַבער. אויף אַ מינוט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז משוגע.

ער איז געוואָרן בלאַס.

— איך וויל דיר עפּעס זאָגן, נאָר הער מיך אויס, — האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

— איך שלאָף, איך ניט שלאָף, איך זע חכים מתנן. איך עס, איך ניט עס, איך זע חכים מתנין.

זי האָט זיך דערשראָקן.

— איך פאַרשטיי ניט. אַנטשולדיק מיר. עס וואַרטן אויף מיר פּאַציענטן.

ער איז אַרויס. אַלץ האָט זיך געוויגט פאַר זיינע אויגן. ער איז צו צום פערד, וועלכער איז געווען צוגעבונדן צו אַ סלופּ, זיך אַרויפגעזעצט און צעלאָזט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. ער איז געלאָפן ניט וויסנדיק וואוהין. גאָרניט געטראַכט און גאָרניט געזען פאַר זיך.

מענטשן האָבן אים נאָכגעשריען:

— זע נאָר, ווי ער האָט זיך צעלאָזט, ער קען נאָך אימיצן דערהרג׳ענען. ער איז פון זינען אַראָפּ.

ער האָט גאָרניט געהערט. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפן פערד. דאָס פערד איז נאָך ווילדער געוואָרן.

מאָכמוד האָט זיך איינגעגעסן מיט די פינגער אין דעם פערדס גריווע און זיין קערפּער האָט זיך געהויבן אין דער לופטן.

דאָס פערד איז שוין לאַנג געווען הינטער דער קאָלאָניע. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטעכיקן דראָט, וואָס איז געלעגן ביים וועג און צעבלוטיקט אַ פוס. שוים האָט זיך באַוויזן אַרום זיין מויל.

דאָס פערד האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס און מאָכמוד איז אַרונטערגעשליידערט געוואָרן. זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין.

אין דעם שאַרפן ווייטיק האָט ער זיך אַלץ דערמאָנט.

— חכים מתנן, אָ, אַלאַ!

דאַס הערבעלע

שימעלע דער פאָטאָגראַפער איז געשטאַנען אויפן גאַניק און אויסגעקוקט אויף קונדן.

ער איז געווען אַ קליין געוויקסיקער, מיט אַ האָרב פון פאָרנט און האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאַרליק. זיין פנים איז געווען אָפּגעצערט. די געשטופּלטע באַקן איינגעפאַלן. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געווען אַ שיינע שטימע.

אין די פאַרנאַכטן, ווען זיינע חברים פלעגן זיך פאַרקלייבן צו אים, פלעגט שימעלע זינגען. ווייכע טענער האָבן זיך געטראָגן פון זיין האַלדז. זיין גאַנצע פאַרביטערונג האָט זיך געפילט אין זיינע לידער.

„שימעלע הערבעלע", אַזוי האָט ער זיך אַליין גערופן. ווען ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, פלעגט ער זיך פאַרגיין אין אַ געלעכטער. און מיט איין מאָל, מיטן צאַפּל פון אַן אויג, פלעגט זיין פנים באַקומען דעם אויסדרוק פון אַ מענטש, וואָס ליידט שרעקלעכע יסורים.

טרויעריק איז אים געווען אין אַזוינע פאַרנאַכטן. און חברים האָבן אים ניט פאַרשטאַנען.

— שימעלע, זאָג נאָך אַמאָל, — שטייען זיי צו. און שימעלע זאָגט און לאַכט דערביי מיט אַ מאָדנעם געלעכטער, פון וועלכן עס ווערט קאַלט. אָבער די חברים באַמערקן עס ניט. זיי געפעלט ווי שימעלע רעדט וועגן זיין אייגענעם האָרב.

ס'ווילט זיך שימעלען האָבן אין אַזעלכע פאַרנאַכטן אַ נאָענטן, וועלכער זאָל אים פאַרשטיין. ער מאָלט זיך אַ מיידל, וועלכע זאָל

אים גלעטן און באַרויִקן. אָבער וואו זיינען די מיידלעך? זיי מיידן אים אויס.

שטייענדיק אַזוי אויפן גאַניק, האָט שימעלע באַמערקט ווי צוויי פויערטעס דרייען זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און צוגעגאַנגען צו זיי.

— וואָס דאַרפט איר? איך זע, איר זוכט עפּעס.

— צום וואָקזאַל ווילן מיר, מיר דאַרפן אין דער נאָענטער שטאָט.

— די באַן גייט אָפּ ערשט מאָרגן פרי אין שטאָט.

— גאָט אין הימל! — האָט די איינגערע זיך איבערגעצלמ׳ט.

— וואָס וועלן מיר טאָן?

שימעלע האָט באַטראַכט די יונגע פויערטע. אַ געזונטע מיט שטייפע ברוסטן, אונטער דער לייוונטענער קאָפּטע. ביי יעדן ריר האָבן זיי זיך געצאַפּלט און גערייצט שימעלען.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— אויב איר ווילט, קענט איר ביי מיר אין שטוב נעכטיקן, קיינער וועט אייך ניט שטערן.

די טאָכטער האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער מוטער, זיי האָבן איינשטימיק געשאָקלט מיט די קעפּ.

זיי זיינען אַריין אין הויז אומזיכער, געבליבן שטיין ביים שוועל.

— קומט אַריין. דאָ אין דעם צימער קענט איר שלאָפן.

— גאָט וועט אייך דערפאַר באַצאָלן, — האָט די אַלטע געזאָגט.

די אַלטע, אַ מידע, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט.

שימעלע איז אַרויס אין צווייטן צימער.

**
*

אָנגעטאָן אין אַלע זאַכן איז די אַלטע געלעגן אויפן בעט און געשמאַק געשלאָפן. אַ סוויסטשעריי און אַ כראָפּן האָבן וועגן דעם עדות געזאָגט. די יונגע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ניט געשלאָפן. פאַר אירע אויגן האָט פאַרבייגעשוועבט זייער קליינע

כאַטקע מיטן שטרוי באַדעקטן דאַך, די אַלטע קאַץ, וואָס זיצט אויפֿן פענצטער און וואַרעמט זיך אויף דער זון.

— קוים וואָס זי שלעפּט די פיס פון אַלטקייט, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. פּלוצלונג האָט זיך איר פּנים באַגאָסן מיט אַ פּורפּור רויטקייט. זי האָט זיך דערמאָנט ווי סטיאָפּקאַ האָט זי אונטערן שייער געכאַפּט און זי שטאַרק מיט זיינע גרויסע הענט געדריקט. זי ווייסט ניט ווי אַזוי זי האָט זיך אויסגעדרייט פון אים.

אַ שטילער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעלאָזן פון איר פולער ברוסט. זי האָט געאָטעמט טיף.

***

שימעלע נעמט זיך צו זיין אַרבעט, אָבער אַלץ פאַלט אים פון די הענט. ער ציטערט אינגאַנצן. עס פּלאָנטערן אים זיך אין קאָפּ געדאַנקען. ער זעט די יונגע פּויערטע. ער געדענקט ניט גענוי איר פּנים, אָבער אירע שטייפע ברוסטן שטייען אים פאַר די אויגן. זיי זיינען אַזוי רונדיק און שטייף. ער האָט דערפּילט אַ קעלט איבערן לייב. אַזאַ געפיל האָט ער, ווען ער רירט אָן מיט זיינע הענט דעם נגיד׳ס טאָכטער, וואָס קומט זיך פאָטאָגראַפירן אַלע האַלבע יאָר. ער הייסט איר אומישנע אויפהויבן דעם קאָפּ, כדי דערנאָך אָנצונעמען מיט זיינע הענט איר וואַרעם גאָמבעלע. ס׳אַראַ ציטער עס לויפט דעמאָלט דורך איבער זיין לייב. אָט ווי איצט, ווען ער טראַכט וועגן דער פּויערטע.

שימעלע איז אויפגעשטאַנען פון דעם שטול. ער איז נאָך קלענער געוואָרן. ער האָט אויסגעטאָן זיינע שיך און באָרוועס צוגעגאַנגען צום צימער, וואו די פּויערטעס האָבן זיך געפונען. ער איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער פון זיין אייגענעם קלאַפּן פון האַרצן. ער האָט געגומען עפענען די טיר. אַ סקריפּ... ער איז אָפּגעשפּרונגען.

די יונגע פּויערטע האָט איבערגעריסן דאָס טראַכטן און זיך צוגעהערט צום גערויש. שימעלע האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און

דאָס האָט ווידער אַרויסגערופן אַ געוודער. די פויערטע איז אַראָפּ פון בעט און צוגעגאַנגען צו דער טיר. זי האָט דערזען שימעלען און זיך דערשראָקן:

— אָ, דאָס זייט איר, — האָט זי אַרויסגערעדט. שימעלע האָט דערפילט איר וואַרעמקייט. ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן פון טיר און שנעל אויסגעלאָשן דאָס ליכט. זי איז אים נאָכגעגאַנגען, אין דער פינצטער האָט שימעלע געוואָלט אָנגעמען זי פאַר דער האַנט. ער האָט אָבער געטראָפן איר שטייפע ברוסט, האָט ער זיך דערשראָקן און געוואָלט אָפּלאָזן, האָט זי אָנגענומען זיין צווייטע האַנט און מיט איר געגלעט דאָס לייב. זי האָט געגליט.

אין דער פינצטער האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז שימעלע איז שיין. שימעלע האָט געפיבערט. זיינע פינגער האָבן זיך געקלאַמערט אין איר הייס לייב. ער איז צוגעפאַלן צו איר, זי געקושט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער שלינגט פייער.

שווער־פאַרהאָרעוועט געלט

שלמה שערמאַן האָט צוגערוקט די צייטונג צו די אויגן און זיך גוט איינגעקוקט:

— וואָס?

ער האָט אויף אַ מינוט צוגעמאַכט די אויגן, זיי אויסגעווישט מיט זיינע האַרטע הענט, פאַרריכט די ברילן און ווידער געקוקט אין צייטונג.

— ס'קען ניט זיין! ווי איז עס מעגלעך? — די פינגער מיט די צעבראָכענע נעגל האָבן געציטערט.

— גיטל, קום אַהער. זע נאָר, וואָס מיינט עס?

די אַלטע גיטל איז צוגעלאָפן צו אים אַ דערשראָקענע.

— וואָס איז? וואָס איז געשען?

— די באַנק, אונדזער באַנק... — ער האָט געטייטלט מיט די פינגער אין דער צייטונג, — אונדזער באַנק האָט באַנקראָטירט.

— באַנקראָטירט? — גיטל האָט זיך געוואָרגן מיטן וואָרט.

שלמה שערמאַן האָט אַרויסגעלאָזט די צייטונג און איז געבליבן זיצן, ווי אימיצער וואָלט אים די כוחות אויסגעפּאָמפּעט. גיטל איז געשטאַנען אַנטקעגן, מיט אויגן, פון וועלכע דאָס ליכט האָט זיך אָפּגעטאָן.

***

שלמה שערמאַן איז אַ שווערער אַרבעטער. זיין גאַנץ לעבן געפּראַצעוועט. דאָס דערציילן זיינע גרויסע צעפּאָרענע הענט. איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן שווערער אַרבעט, זיינען די הענט אויסגעהאָרע־וועט, פאַרטרוקנט און זעען אויס ווי שטיקער קאָרע, וואָס פאַלן אַראָפּ פון אַן אַלטן בוים. שלמה שערמאַן האָט אַוועקגעלייגט די הענט פאַר זיך, אויפן טיש און באַטראַכט זיי ווי פרעמדע:

— אָ, וויפיל שווערע אַרבעט די הענט האָבן אָפּגעטאָן און וויפיל יאָר זיי האָבן געדינט.

שוין באַלד פופציק יאָר, אַז שלמה אַרבעט. ער האָט געקוקט אויף זיינע אויסגעאַרבעטע פינגער און געזען די שווערע שטיקער האָלץ, וואָס זיי האָבן געשלעפּט. אַזויפיל יאָרן געזעגט און געהובלט. דעם רוקן געבויגן און שווערע שטיקער האָלץ געשלעפּט ווי אַ פערד. און צופרידן געווען, וואָס ער פאַרדינט אויף לעבן און דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען אויף די עלטערע יאָרן. אַכט יאָר צייט, ווי שלמה האָט געאַרבעט אין איין שאַפּ. ניט איינמאָל האָט דער באַלעבאָס פון שאַפּ אים געוואָלט אָפּזאָגן.

— נו, טאַקע, מיסטער שערמאַן, זאָגט אַליין, פאַרוואָס זאָל איך אייך צאָלן דאָס זעלבע געלט, וואָס איך צאָל אָט דעם געזונטן איטאַליענער? ער טוט דאָך אָפּ דריי מאָל אַזויפיל אַרבעט.

שלמה האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט גוט געוואוסט, וואָס דער באַלעבאָס מיינט:

אַראָפּלאָזן פון געהאַלט.

און אַזוי ניט איינמאָל. ביז פון פערציק דאָלאַר אַ וואָך איז געוואָרן אַכצן. שלמה האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. ער האָט געפּרואווט זוכן אַן אַנדער שאַפּ. ניט איינמאָל איז ער אַוועק פון דער היים פאַרטאָג, געוואַרט אין דער ריי, ביז מ׳וועט עפענען דעם שאַפּ. דער חוזק-שמייכל פון די באַלעבאַטים שטייט נאָך אים איצט פאַר די אויגן:

— דו אַלטער, גיי אַהיים.

איז וואָס איז אים געבליבן צו טאָן? ער האָט ווייטער געאַרבעט ביי זיין באַלעבאָס. אַכצן דאָלאַר אַ וואָך!

שלמה שערמאַן האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלאַר אויף אַ שוואַרצן טאָג. גיטל, זיין פרוי, האָט גוט געשאַנעוועט דאָס געלט: נאָר ניט דאַרפן אָנקומען אויף דער עלטער צו יענעם. האָט זי געשפּאָרט דעם ביסן פון מויל און אין באַנק געטראָגן. שבת,

נאָך דער אַרבעט, איז שלמה אין באַנק געגאַנגען, מיט מידע ציטעריקע הענט אין פענצטערל פון קאַסע דערלאַנגט די פּאָר דאָלאַר. אָפּשפּאָרן אויף אַ שוואַרצן טאָג. ער האָט צום קאַסיר אין פענצטערל גערעדט:

— היט אָפּ מיין געלט. שווער־פאַרהאָרעוועט געלט, — און צוריקגעפּאָרן אַ צופרידענער: — ניט דאַרפן אָנקומען אויף דער עלטער צו קיינעם.

און גיטל האָט גוט געשאַנעוועט אַ פּעני. זי האָט געוואוסט, ווי שווער איר מאַן אַרבעט, און געוואוסט זייערע אויסזיכטן אויף שפּעטער... נאָר ניט אָנקומען צו יענעם. האָט זי אַלץ געטאָן מיט רעכענונג. אויב היינט האָט גיטל געקאָכט אַ זופּ מיט גרויפּן, איז מען זיך שוין באַגאַנגען אָן אַ שטיקל פלייש. ברויט האָט גיטל געהאַלטן פון איין טאָג אויפן אַנדערן: עס עסט זיך ווייניקער... אַ זויערע אוגערקע איז אַלעמאָל געווען אין הויז. אַ זויערע אוגערקע צו קוויקן זיך... אין סעזאָן, בעת אוגערקעס זיינען ביליק, קויפט גיטל אוגערקעס מיט אַביסעלע קראָפּ, עס זאָל שמעקן און זייערט איין אין אַ הילצערן פעסל. האָט זי אוגערקעס אויף אַ גאַנצן ווינטער, איז שוין דאָ מיט וואָס זיך צו קוויקן. אַביסעלע גרינס, די זופּ זאָל זיין קרעפּטיקער, קויפט גיטל פאַר גאַנצע צען סענט. די פּעטרושקע שאָבט זי אָרום, וואַשט אָפּ, ניזשעט אַרויף אויף אַ בענדל און לאָזט טריקענען איבערן אויוון. עס האַלט לאַנג, עס ווערט ניט פאַרפוילט און ס׳טראָגט אויס ביליקער. אין קיך, אויפן טיש, ליגט שוין זייט יאָרן אַ צעראַטע. צום עסן, באַדעקט גיטל די צעראַטע מיט פּאַפּיר. אַז מ׳שטעלט אַוועק אַ טעלער מיט הייסער זופּ, דאַן ווערט אַ סימן.

פון קיין מאָדע ווייסט גיטל ניט. אַבי ס׳איז דאָ אַ קלייד, מיט וואָס דאָס לייב צוצודעקן, איז שוין גענוג. מ׳וואַשט עס אויס, מ׳פּרעסט עס אויס. דאָס זעלביקע איז מיט שלמה׳ס אָן אָנצוג. ביי שלמה׳ן האַלט זיך אַן אָנצוג לאַנגע יאָרן. — ער שאַנעוועט זיינע זאַכן, — זאָגט גיטל. ווען טוט שלמה אָן זיין גוטן אָנצוג? פון איין זונטיק ביזן צווייטן זונטיק. און אַז עס מאַכט זיך אַ פּלעק, איז שוין

גיטל אַ בריה: מ׳נעמט אַביסל בענזין, מ׳רייבט אויס מיט אַ שמאַט־קעלע און אויס פלעק. שוין ווידער ניי. אַבי ניט פאַרשעמט צו ווערן.

שוין באַלד צוויי יאָר, אַז שלמה האָט אינגאַנצן אָנגעוואָרן זיין אַרבעט. וואו אַ שאַפּ אין ניו יאָרק, איז שוין שלמה אויסגעווען. אַלץ אומזיסט.

— הערסט, גיטל, ניט געזאָרגט, — וויצלט זיך שלמה, — איך וועל נאָך צוריק יונג ווערן, ווידער אָנהויבן אַרבעטן.

— גיי שוין גיי, — מאַכסט זיך נאַריש, ווי אַ קינד.

—הערסט, גיטל, טאַקע אין דער אמת׳ן. עטלעכע דאָלאַר אין באַנק איז דאָ, איז פאַרוואָס זיך זאָרגן?

איז שלמה יעדע וואָך אין באַנק געגאַנגען און עטלעכע דאָלאַר אויף לעבן אַרויסגענומען. וואָס האָט גיטל ניט צוגעטראַכט, עס זאָל ווייניקער געלט אַוועקגיין. איז גיטל קראַנק געוואָרן און ניט גע־געסן, איז אויך געווען אַ געווינס.

— גיב אַ קוק, גיטל, מיליאָנען אַרבעטער גייען אַרום ליידיק. ניטאָ קיין אַרבעט. און זיי האָבן נאָך קינדערלעך. איז זיי נאָך ערגער. אַ צייט אַזאַ. הערסט, גיטל, ווען איך בין איצט אין רוס־לאַנד, וואָס וואָלט אונדז געפעלט? איך וואָלט אַרומגעגאַנגען מיט די הענט אין די קעשענעס, ווי אַ גראַף. מ׳זאָגט, אַז אין רוסלאַנד קריגן עלטערע אַרבעטער, וואָס קענען שוין מער ניט אַרבעטן, הילף פון דער רעגירונג. טאַקע, וויפיל איז דער שיר צו אַרבעטן? נו, מירן שוין ווי עס איז אַדורכקומען מיט דעם ביסל געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אין באַנק.

**
*

שלמה שערמאַן האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט גיטלען און געזאָגט:

— אויף דער גאַס גיין, דאָס איז אונדז געבליבן צו טאָן.

מער האָט שלמה גאָרניט געזאָגט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי אימיצער וואָלט אים אויסגעליידיקט דעם מאַרך.

— אוי, שלמה, אַזאַ שווער־פאַרהאָרעוועט געלט.

אַרויסגעוואָרפענע

די זון האָט געשיינט און געוואַרעמט די וועגט פון די קאַלטע הייזער. דער גאַנצער בלאָק איז געווען פול מיט מיסט־קאַנען און פאַרוואָרפן מיט פאַפירן.

מינקין האָט זיך אַרומגעדרייט אַ צעטראָגענער לעבן „זיין" הויז. באַלד דאַרף מען אים אַרויסשטעלן אין גאַס. זיין פּנים איז געל, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס ליידט פון געלזוכט. זיינע צוויי עלטערע קינדער, אַ מיידל פון ניין און אַ אינגל פון עלף יאָר, פּיקעטן דאָס הויז און טראָגן אויף זיך פּלאַקאַטן, וואָס רופן:

„דערלאָזט ניט אַרויסוואַרפן אין גאַס אַ פאַמיליע פון זיבן".

ווייניק מענטשן שטייען אַרום הויז. מען רעדט שטיל, ווי ביי אַ לויה. מען ווייזט אָן אויף דער פרוי מינקין, וואָס שטייט לעבן הויז, אַרומגערינגלט פון אירע דריי קלענערע קינדער.

פרוי מינקין איז ערשט ניט לאַנג נאָך אַן אָפּעראַציע. זי שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ס'איז איר אַ ווייטיק און אַ חרפּה פאַר די מענטשן. זי וויינט ניט, כאָטש אַלץ וויינט אין איר.

מינקין האָט ניט וואו אַהינצוטאָן זיינע הענט. ער טוט זיי אַריין אין די קעשענעס פון דעם אָפּגעטראָגענעם ווינטער־מאַנטל, פאַר־פלאָנטערט זיי אין דעם צעריסענעם אונטערשלאַק און כאַפּט זיי באַלד ווידער אַרויס. ער מיידט אויס צו טרעפן זיך מיט די אויגן פון זיין פרוי. ער האָט מורא זי זאָל זיך ניט צעוויינען אויפן קול.

גלייך ווי מינקין האָט דערהאַלטן דעם דיספּאָזעס, איז ער אוועק צום לענדלאָרד:

— ס'טייטש, מיסטער גאָלדצווייג, פאַרוואָס האָט איר מיר גע־

שיקט אַ דיספּאָזעס? איך וואוין דאָ ביי אייך שוין צוויי יאָר, און די גאַנצע צייט האָב איך אייך געצאָלט געלט אין צייט. איז טאָמער עס קומט אייך פאַר איין מאָנאַט, שיקט איר מיר אַ דיספּאָזעס?

— הערט, זאָגט דער לענדלאָרד, — איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת. איך ווייס, אַז איר אַרבעט שוין ניט אַ לענגערע צייט, איז אויב איר צאָלט מיר איצט ניט קיין רענט, וואו וועט איר נעמען נעקסטן מאָנאַט? אַ פּשוט׳ער חשבון, יו נאָו... קיין דזשאָבס געפינט מען איצט ניט אַזוי גיך.

מינקין האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם לענדלאָרד און פאַרשטאַנען, אַז קיין רייד וועלן שוין דאָ ניט העלפן: אַז דאָס, וואָס זיין פרוי איז איצט נאָך אַן אָפּעראַציע און דאָס, וואָס זיינע קינדער וועלן זיך וואַלגערן אין גאַס, וועט אויף דעם לענדלאָרד ניט ווירקן.

אין דעם לעצטן מאָמענט איז מינקין אַוועק צום אַרבעטלאָזן קאָונסיל:

— חבר, וואָס טוט מען, מאָרגן וואַרפט מען מיך אַרויס אין גאַס.

— חבר מינקין, רעדט זיך דורך מיט די שכנים, אפשר וועט מעג־לעך זיין צו אָרגאַניזירן אַ סטרייק.

מינקין איז געלאָפן אַהיים, ווי אַ מענטש, וואָס דערוואַרט אַ געווינס.

ער האָט אָנגעקלאַפּט צום ערשטן שכן:

— מיסעס צוקערמאַן, איר קענט דאָך מיך, כ׳האָב גאַנצע צוויי יאָר געצאָלט רענט און איצט, אַז איך קום פאַר איין מאָנאַט, וויל מיך דער לענדלאָרד אַרויסוואַרפן אין גאַס. איר קענט מיר העלפן. ווען איר און די איבעריקע שכנים וועלן זיך אָפּזאָגן צו צאָלן רענט, וועט דער לענדלאָרד ניט האָבן קיין ברירה און מיך ניט אַרויסוואַרפן. ער וועט זיך אָפּשרעקן פאַר אַ סטרייק.

גלייך ווי מיסעס צוקערמאַן האָט דערהערט דאָס וואָרט „סטרייק” איז זי געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע:

— הערט, — זאָגט זי, — איך בין ניט קיין קאָמוניסטקע, און איך וויל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין סטרייקס.

און זי האָט גלייך פאַרהאַקט די טיר.

מינקין איז געבליבן שטיין, ווי אַ מענטש, וואָס מען האָט פּלוצ־לונג אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און אָנגעקלאַפּט צו אַ צווייטן שכן.

אַ פעטע פרוי מיט אַ מענער־שטימע האָט אים געעפנט די טיר. נאָכדעם ווי זי האָט אים אויסגעהערט, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב זיך פיינט צו מישן אין פרעמדע ביזנעס.

מינקין איז געבליבן שטיין אַ פאַרלאָרענער.

ער איז אַרומגעגאַנגען פון איין טיר צו דער צווייטער. אומעטום האָבן זיך די טירן געעפנט און פאַרמאַכט. אָבער אָן רעזולטאַטן. אַ מידער פון גיין איבער די שטיגן און פון רעדן צו די שכנים איז מינקין געבליבן שטיין און זיך פאַרטראַכט: וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מענטשן? און גלייך האָט ער זיך אַליין פאַרגעוואָרפן: שוין צוויי יאָר, אַז איך וואוין אין דעם הויז, געדאַרפט אין פאַרלויף פון דער צייט רעדן מיט זיי, אויפקלערן זיי. כ׳בין אַליין שולדיק.

**
*

אַ מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז. דער מאַרשאַל איז אָנגעקומען מיט זיינע מענטשן און מיט אַ פּאָליסמאַן.

— העי, חברה, — האָט דער מאַרשאַל לעבעדיק אויסגעשריען, — גראַונד פלאָר, אין די ריר.

פיר געזונטע עקספּרעסלייט זיינען שנעל אַריין אין הויז, זיי האָבן אויסגעמיטן די בליקן פון די אַרומיקע מענטשן.

ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן די זאַכן, האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקלייבן מענטשן פון אַלע זייטן. די שכנים פון הויז זיינען איינציקווייז אַרויסגעקומען אין דרויסן און געבליבן שטיין, ווי שולדיקע.

דאָס ערשטע, וואָס די עקספּרעסלייט האָבן אַרויסגעטראָגן, איז געווען אַ קיך־טיש אויף דריי פּיסלעך און פיר אַלטע בענקלעך.

ווען פרוי מינקין האָט דערזען דעם טיש מיט די בענקלעך אין דרויסן, איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מינקין האָט עס גלייך באַמערקט, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און זי שטיל גע־בעטן:

— באַרואיק זיך, איך בעט דיך. גיי אַוועק פון דאַנען. כ׳וועל שוין אַליין אַלץ דערלידיקן.

זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, נאָר פעסטער געדריקט די קינדער צו זיך. זי האָט שוין איצט גאָרניט געטראַכט, ווי אַ מענטש אין אַ היץ־קראַנקהייט.

דאָס אינגסטע קינד האָט געהאַלטן אין איין שטעלן פראַגן:

— מאַמע, פאַרוואָס וואַרפט מען אַרויס אונדזערע זאַכן?

— אַז וואַרפן זאָל זיי אין קדחת, — האָט אַ פרוי זיך אָנגערופן.

— הערצער פון גזלנים, — האָט שטיל געוויינט אַן אַלטיטשקע.

די מענטשן אַרום זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף די זאַכן.

— ווי לאַנג וועט נעמען ביז מען וועט מיך אַרויסוואַרפן? — האָט געזאָגט אַן אַרבעטער מיט אַ פאַרוואָקסענעם מידן פּנים.

— אויף לעוואַניע עוועניו האָט מען נעכטן אַרויסגעשטעלט צוויי פאַמיליעס.

— וואָס אַרט זיי, די לענדלאָרדס?

— נאָך גוט, וואָס עס רעגנט ניט, — האָט אַ פרוי אַרויסגע־קרעכצט.

— פריער דאַרף מען ליגן אין גאַס, ווי אַ הונט. דערנאָך ערשט דערבאַרעמען זיך אויף אונדז אונדזערע פאַרזאָרגער, — האָט אַן אַרבעטער געזאָגט מיט גאַל.

— צו וואָס טויגן זייערע טשעקס, וואָס זיי גיבן, אַז די לענד־לאָרדס ווילן זיי ניט נעמען. צוויי מעת־לעת זיינען מיינע זאַכן

געשטאַנען אין דרויסן, ביז איך האָב געפונען אַ שטיקל דירה. אַ דירה — אַ לאָך.

— ווי קענט איר זיך פאַרגלייכן צו זיי. איר האָט דאָך ניט קיין קינדער. און זיי זיינען זיבן נפשות, — האָט באַמערקט אַ צווייטער.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף די קינדער, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פלאַקאַטן אַרום הויז.

— אַ משפחה פון זיבן, ניט קיין קלייניקייט.

— און מיילער דאַרפן עסן.

אַ פרוי איז צוגעגאַנגען צו דעם מיידעלע, אַראָפּגענומען פון איר דעם פלאַקאַט, אָנגעטאָן אויף זיך. זי איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און גערעדט:

— מענטשן, קוקט. זיבן נפשות אין גאַס. קוקט, מענטשן.

פון ערגעץ וואו האָט זיך געהערט אַ שטיל כליפּען.

דערווייל זיינען שוין געשטאַנען די בעבעכעס אין דרויסן. פיר פאַרזשאַווערטע אייזערנע בעטן, פיר צעריסענע מאַטראַצן, קישנס, זעקלעך אָנגעשטאָפּטע מיט אַלטע זאַכן. אַ פּאָר אַלטע טשעמאָדאַנעס. דער קיך־טיש מיט די דריי פיסלעך און די פיר בענקלעך. אַלטע טעפּלעך, אַן אויסגעריבענער בעזים. אַ ליאַלקע מיט איין פוס און מיט אַן אַראָפּגעריסענעם שאַרבן.

דער לעצטער טרעגער האָט אַרויסגעטראָגן אַ האַלב פלעשל מילך. דאָס פלעשל איז אומגעפאַלן און די מילך האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן טראָטואַר. די מענטשן זיינען אָפּגעטראָטן, געקוקט אויף דעם צעגאָסענעם מילך און עס האָט זיך געדאַכט, אַז בלוט רינט...

אויף אַן אַש־קען האָט שוין גערעדט אַ פאָרשטייער פון אַרבעטלאָזן קאָונסיל. ער האָט באַוויזן, ווי אַרבעטער לעבן אין רייכסטן לאַנד פון דער וועלט. ער האָט דערציילט, ווי די אַרבעטלאָזע שטייען אָפּ מאָנאַטן ביי דער האָום רעליף ביוראָ און קריגן ניט קיין הילף. ער האָט גערעדט וועגן מינקינען, ווי ער גייט אַרום אַ לאַנגע צייט

אָן אַרבעט. צום סוף האָט ער גערופֿן די אַרבעטער צו פֿאַראייניקן זיך און קעמפֿן צוזאַמען.

די מענטשן אַרום האָבן זיך צוגעהערט און געשאָקלט מיט די קעפּ.

דערנאָך האָט גערעדט אַ פּרוי פֿון אַרבעטלאָזן קאָונסיל. זי האָט דערציילט, ווי פּרוי מינקין האָט געהייצט דעם אויוון מיט איר פֿויר־ניטשור, כדי אָנצוואַרעמען אירע קינדער.

דער פּאָליסמאַן האָט געוואָלט אָפּברעכן דעם מיטינג. די מענטשן אַרום האָבן ניט דערלאָזט.

— אַרויסגעוואָרפֿן אין גאַס און מען טאָר נאָך ניט רעדן, — האָט אימיצער באַמערקט.

נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגעטראָגן אַלע זאַכן, האָט דער מאַר־שאַל אויפֿגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער טיר און איז אַוועק. די מענטשן האָבן אים באַגלייט מיט פֿיינטלעכע בליקן. דער פּאָליסמאַן איז באַלד אויך אַוועק. מען איז געשטאַנען אין רעדלעך און מען האָט גערעדט מיט פֿאַרביטערונג.

מינקין האָט אויך גערעדט. אַרום אים זיינען געשטאַנען די שכנים פֿון הויז.

— איר האָט געקענט מאַכן, אַז איך זאָל זיך ניט וואַלגערן אין גאַס מיט די קינדער.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו רעדן, איצט איז דאָך שוין צו שפּעט, — האָט אַ שכנה געזאָגט.

— ווער זאָגט, אַז עס איז צו שפּעט, — האָט די פּרוי פֿון אַר־בעטלאָזן קאָונסיל זיך אָפּגערופֿן, — עס איז ניט צו שפּעט, מען קען נאָך אַריינטראָגן צוריק די זאַכן.

— וואָס רעדט זי עפּעס, — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ צווייטע שכנה, — עס הענגט דאָך אַ שלאָס אויף דער טיר.

— און אַ שלאָס איז וואָס ? מיר וועלן אים אַראָפּרייסן.

די מענטשן האָבן זיך געגעבן אַ רוק אויף צוריק דערשראָקענע.

— עס איז קעגן געזעץ.

— מען וועט אַרעסטירן.

—מען טאָר דאָס ניט טאָן.

— און אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס קליינע קינדער מעג מען?

— האָט די פרוי פון אַרבעטלאָזן קאָונסיל געזאָגט, — ווער גייט מיט מיר.

קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

די פרוי האָט ניט אָפּגעלאָזן:

— איר אַליין דאַרפט העלפן דער פאַמיליע מינקין, מאָרגן קען מען אייך אַרויסוואַרפן. ווער פון אייך איז דאָס פאַרזיכערט מיטן דזשאַב? מיליאָנען גייען אַרום אָן אַרבעט. עס קען דאָך מיט אייך פּאַסירן דאָס זעלביקע.

אַלע זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פאַראורטיילטע.

די פרוי פון קאָונסיל איז אַריין אין הויז. אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ שלאָס. זי האָט פּרובירט אַרונטעררייסן דעם שלאָס, נאָר אומזיסט. אַ טיר פון אַנטקעגן האָט זיך אָן עפן געטאָן, אַ קאָפּ האָט זיך אַרויסגעשטעלט און מיט שרעק פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך. אַ מאַן איז אָנגעקומען און שנעל אַרויף אויף די שטיגן. זי האָט אים געבעטן:

— גיט מיר אַ שליסל, וואָס זאָל זיך צופּאַסן צום שלאָס.

דער מאַן האָט גאָרניט געענטפערט. אין אַ מינוט אַרום איז ער אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן מיט אַ בינטל שליסלען. מיט ציטעריקע הענט האָט ער איר דערלאַנגט די שליסלען און ער איז פאַרשוואונדן.

די שליסלען האָבן זיך ניט צוגעפּאַסט. זי האָט פּרובירט רייסן די טיר. די טיר האָט זיך אונטערגעגעבן.

טירן האָבן זיך געעפנט און זיך אויף שנעל צוגעמאַכט.

אַ פאָרשטייער פון אַרבעטלאָזן קאָונסיל איז געקומען איר צו הילף. ער האָט זיך מיטן גאַנצן כוח פון זיין קערפּער אַ וואָרף געטאָן אויף

דער טיר. איינמאָל און צוויי מאָל און אַ דריט מאָל. די טיר האָט אָנגעהויבן קרעכצן.

אַ בריוו־טרעגער איז אָנגעקומען מיט בריוו.

— ביסט אַן אַרבעטער? יאָ? טאָ לייג צו דיין פּלייצע און העלף עפענען די טיר, — האָט זי געזאָגט.

— מיט מיין גאַנצן האַרצן בין איך מיט דיר, אָבער איך טאָר ניט גיין קעגן געזעץ, — און ער איז אַ שולדיקער אַוועק.

ענדלעך האָט זיך די טיר אונטערגעגעבן. די פרוי איז אַרויס־געלאָפן אין דרויסן. אַלע האָבן געוואַרט אויף איר מיט אַ פאַרהאַל־טענעם אָטעם.

— אַרבעטער, די טיר איז אָפן. העלפט מיר אַריינצושטעלן די זאַכן. שנעל, מיר טאָרן ניט פאַרלירן קיין צייט. איידער מען לאָזט וויסן דער פּאָליציי.

קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

זי האָט אַליין געכאַפּט אַ פּאָר זאַכן און גענומען שלעפּן אין הויז. דאָס האָט געווירקט אויף די אַרומיקע. די שכנים פון הויז האָבן איינער נאָכן אַנדערן געשלעפּט די זאַכן אין הויז אַריין. עפּעס איז פאַר זיי מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן.

אין פינף מינוט אַרום זיינען די זאַכן צוריק געווען אין הויז.

איר אומגליק

נייטן האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין פרוי:

— אַזעלכע אומדערוואַרטע געסט! זיצט, טאַנטע.

— באַקענט זיך, — האָט די טאַנטע מיט אַ האַלבן מויל אַרויס־געמורמלט, — דאָס איז העלענס חתן.

אַ הויכער ברייטפּלייציקער, בלאָנדער בחור איז געשטאַנען אין מיטן צימער און פאַרלוירן געשמייכלט. ער האָט זיך געדרויטלט און דערלאַנגט אַ גרויסע, שטאַרקע האַנט און אומגעלומפּערט גע־דריקט אַלעמען די הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פאַרקניפּן נעענ־טער מיט זיין העלענס משפּחה.

העלען, די כלה, האָט געשמייכלט, ווי איינער זאָגט: זי שטעלט איצט פאָר מיין חתן — איך קען אים שוין פון יאָרן.

נאָר די טאַנטע אַליין איז געזעסן און געזיפצט. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פון טרערן.

ניין, ניט פון פרייד האָט זי געוויינט, ניט פון פרייד, וואָס זי מאַכט חתונה איר איין־און־איינציקע טאָכטער. ס'האָבן איר די טרערן געוואָרגן פון ווייטיק, וואָס איר איין־און־איינציקע דריי־און־צוואַנציק יאָריקע טאָכטער דאַרף חתונה האָבן מיט אַן אָרעמען בחור; וואָס איר טאָכטער וועט דאַרפן שקלאַפן ווי זי — ניט ביי אַ באַלעבאָס אין שאַפּ, נאָר ביי זיך אין סטאָרקע. אַ מאָדנע זאַך, ווי אויף צו להכעיס, ווי אימיצער וואָלט דאָ אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. אַלע יאָרן האָט זי אויסגעהיט איר טאָכטער, געשיקט זי לערנען אין פּאָבליק סקול, דערנאָך אין האַי־סקול, כדי זי זאָל עפּעס דערגרייכן, זיך צו

עפּעס קענען דערשלאָגן אין לעבן און ניט ווי זי, די מאַמע, אָפּשקלאָפּן אין דער קליינער קענדי־סטאָרקע פון פאַרטאָג ביז נאָך האַלבער נאַכט, און אַרומגיין מיט רומאַטיזם, מיט געשוואָלענע פיס.

האָט זי ניט געקענט אויסהיטן די טאָכטער אירע. צום אומגליק האָט זיך פונקט געמאַכט, אַז אין דעם קליינעם שטעטל אין ניו דזשוירזי, וואו זיי האָבן געוואוינט, האָט זיך קעגנאיבער זייער קענדי־סטאָר געעפנט אַ קליניגג־סטאָרקע. די קינדער האָבן זיך באַקענט און... פאַרליבט. דער זון האָט צוזאַמען מיט זיין טאַטן געאַרבעט אין דער סטאָרקע און נאָך דער חתונה וועט דער יונגערמאַן איבערנעמען די ביזנעס.

העלען, די צוקונפטיקע ווייב, וועט עס דאַרפן אַרויסהעלפן. אַרויסהעלפן? ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי. זי וועט דאַרפן פשוט שטיין גאַנצע טעג אין דער סטאָרקע, פאַרשקלאַפּט ווערן ווי איר מאַמע, און ניט וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער ליכטיקער וועלט.

די מאַמע האָט איצט געשלונגען די טרערן, ניט דערלאָזט, זיי זאָלן אַרויסקומען. זי האָט ניט געוואָלט ווי טאָן די קינדער. חתונה האָבן דאַרף זיין אַ פרייד, אַ יום־טוב, און דאָ באַוויינט זי זיי גאָר.

זי האָט פאַר׳גנב׳עט אויסגעווישט די אויגן און געשמייכלט.

— נו, מיינע טייערע, כ׳בין געקומען מיט די קינדער אייך איינלאַדן צו דער חתונה.

איר לעבן אין קענדי־סטאָר איז ווידער אויפגעגאַנגען פאַר אירע אויגן. די פעני־ביזנעס, דער טומל פון די קינדער, דאָס אויסטאַפּן פופצן מאָל אַ קענדי, איידער מ׳קויפט עס, אירע נערוון זיינען געווען צעשרויפט פון איינהאַלטן אין זיך דעם כעס אויף די קינדער און אַנשטאָט אַרויסשליידערן זיי פון סטאָר, זאָגן צו זיי מיט אַ שמייכל:

— ביסט אַ קלוג קינד, ווייסט וואָס צו קויפן.

זי האָט דערפאַר אַלעמאָל געטריבן איר טאָכטער פון דער סטאָר:

— העלען, גיי צו דיינע חבר׳טעס, האָסט דאָ ניט וואָס צו טאָן,

— כאָטש זי אַליין איז געפאַלן פון די פיס און זי וואָלט זיך מחיה

געוועזן, ווען אימיצער וואָלט זי פֿאַרביטן. זי האָט געטריבן איר טאָכ־טער פֿון דער סטאַרקע, ווייל זי האָט מורא געהאַט אַריינצוציען זי אין די ביזנעס. „זאָל שוין איר מזל זיין אַ בעסערס ווי מיינס״... האָט זי שטענדיק געטראַכט. זיצט זי איצט און זיפֿצט אַרויס:

— זיך קוים אָפּגעריסן און געקומען אייך פֿאַרבעטן אויף דער חתונה. דער אָנקל וואָלט אויך געקומען, נאָר ער האָט געמוזט פֿאַר־בלייבן אין דער פֿינצטערער קענדי־סטאַרקע.

זי האָט מיט אַ פֿאַרוואורף אַ קוק געטאָן אויפֿן חתן, ווי ער וואָלט געוועזן דער שולדיקער.

— אַ שיינער חתן, העלען, — רופֿט זיך אָפּ נייטן.

און נייטנס ווייב גיט צו:

— אַ שיין פּאָרל.

דער חתן מיט דער כלה קוקן זיך אָן, ווי זיי וואָלטן זיך דערזעען צום ערשטן מאָל. זיי הערן ניט, וואָס די מאַמע זאָגט:

— אַ שיינער, נאָר וואָס טויג עס, אַז קיין מזל איז ניטאָ.

— וואַרט, טאַנטע, זיי זיינען נאָך יונג און זיי וועלן נאָך אַלץ האָבן.

— יאָ, אַלץ האָבן. פֿון דער סטאַרקע קען מען זיך אַזוי אויס־דרייען, ווי פֿון היטלערס הענט...

נייטנס ווייב האָט אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש די באַנאַנעס מיט די עפּל.

פאַרלאָרן אַ מיטאָג ...

ס'איז געווען מיטאָג-צייט. די זון האָט אָנ'רחמנות'דיק געבאַקן. די טראָטואַרן זיינען געווען געפּאַקט מיט מענטשן. די אַרבעטער האָבן געשטראָמט פון די שעפּער און אָפּיסעס.

אַ מידע און אַ הונגעריקע פון זוכן אַרבעט פון פאַרטאָג אָן, האָט מערי דערזען אַ קאַפעטעריע. זי האָט אַ קוק געטאָן אין איר פּאָקעט-בוק. ס'איז איר נאָך פאַרבליבן 45 סענט. זי קען נאָך אָפּ־עסן אַ מיטאָג, און ס'וועט איר נאָך בלייבן אויף קאַרפעיר.

מערי האָט זיך דורכגעשטופּט צו דער קאַפעטעריע. קיין סך מענטשן זיינען אינעווייניק ניט געווען. זי האָט אויסגעזוכט אַ טישל ביי אַ זייטיקער וואַנט און איז געווען צופרידן, וואָס זי וועט דאָ קענען אָפּרוען.

אין דער קאַפעטעריע איז געווען קיל. די ווענטילאַטאָרס האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים. מערי האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און איז צוגעגאַנגען צום „קאַונטער".

אַ יונגע מיידל פון אַ יאָר אַכצן האָט העפלעך געפרעגט מערין וואָס זי וויל עסן.

— גיט מיר אַ „וועדזשעטייבל"-מיטאָג.

אין אַזאַ הייסן טאָג איז דאָס בעסטע עסן וועדזשעטייבלס, — האָט מערי געטראַכט.

זי האָט באַצאָלט 25 סענט פאַרן מיטאָג און צוגעקראָגן ברויט מיט פּוטער פריי. זי האָט גענומען די טאַץ און זיך געזעצט ביים טישל.

מערי האָט גענומען דעם ערשטן ביסן אין מויל. דער מיטאָג האָט איר געשמעקט, ווייל זי איז געווען זייער הונגעריק. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון טעלער און באַטראַכט די קאַפעטעריע. אין דרויסן, פאַרביי דעם גרויסן שוי־פענצטער פון דער קאַפע־טעריע, האָט מערי דערזען אַ מאַן, וואָס דרייט זיך אַהין־און־צוריק מיט אַ פּלאַקאַט אויף זיך. דער ביסן איז איר געבליבן שטיין אין מויל אַ ניט־דערקייטער. זי האָט זיך בעסער צוגעקוקט:

— וואָס איז דאָס? איז עס מעגלעך, אַז דאָ אין דער קאַפעטעריע קומט פאָר אַ סטרייק? ווי אַזוי האָט זי עס פריער ניט באַמערקט? און אפשר איז עס אַן אַדוועטייזמענט? זי האָט לאַנג ניט געטראַכט און איז צו צום „קאָונטער" און געפרעגט ביי דער מיידל:

— זעט, ביי אייך איז אַ סטרייק?

די מיידל האָט זיך גענומען מיניען אין אַלע קאָלירן:

— ניין... — האָט זי געשטאַמלט, — ניין, ניט קיין סטרייק... אַ פּאָר אַרבעטער האָט דער מענעדזשער אָפּגעזאָגט... זיי זיינען געווען פויל... ווייל די יוניאָן... ניין... ניט קיין סטרייק...

מערי האָט זי אַ ווײַלע סאַרקאַסטיש אָנגעקוקט און דערנאָך גע־זאָגט:

— שעמט זיך! איך ווייס, וואָס אַ יוניאָן איז. און איר, אַן אַר־בעטערין, סקעבט. היינט האָט מען זיי אָפּגעזאָגט, און מאָרגן וועט מען אייך אָפּזאָגן.

די מיידל האָט זיך שטאַרק פאַרלאָרן און גענומען קוקן אויף אַלע זייטן, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט הילף.

— גיט מיר מיין געלט צוריק, איך וועל זיך צום עסן ניט צו־רירן, אפילו איך זאָל וויסן, אַז איך שטאַרב!

— איך קען גאָרניט טאָן, — האָט די מיידל אַ פאַרלוירענע געענטפערט, — דער מענעדזשער, אפשר, איך וועל רופן דעם מע־נעדזשער.

און, ווי אימיצער וואָלט איר נאָכגעלאָפן, איז זי אַריין אין אַ זייטיקער טיר.

די מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביי די טישלעך און געגעסן, האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ און זיך צוגעהערט. זיי האָבן אויס־געמיטן מעריס בליק.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריינגעקומען דער מענעדזשער. אַן אויסגעפּוצטער, גלאַט־פאַרקעמטער יונגערמאַן, מיט אַ בלום אין לאַץ.

— איר זייט דער מענעדזשער? — איז מערי גלייך צו צו אים.

— איך, — און ער איז בלאַס געוואָרן.

— גיט מיר צוריק מיין געלט. איך האָב ניט געוואוסט, אַז ביי אייך איז אַ סטרייק.

מערי האָט גערעדט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן.

— פאַרוואָס האָט איר ניט אַרויסגעשטעלט קיין „סאַין" אין פענצטער, אַז ביי אייך איז אַ סטרייק? — זי האָט געוואוסט, אַז ס'איז אַ נאַרישע פראַגע.

ער האָט זיך פאַרלאָרן און צוגעגאַנגען צום קראַן, אָנגעגאָסן זיך אַ גלאָז וואַסער און מיטאַמאָל אויסגעטרונקען. ער האָט זיך אָנ־גענומען מיט מוט:

— אַ „סאַין" אין פענצטער? איך? איך זאָל זיי נאָך אַרויס־העלפן?

— שעמט זיך אַזוי צו רעדן! — האָט מערי אים פאַרגעוואָרפן, — היינט אַרבעט איר, זייט איר זיכער, אַז איר וועט מאָרגן אַר־בעטן? איר קענט אויך „געפייערט" ווערן. גיט מיר צוריק מיין געלט!

— דאָס קען איך ניט טאָן! אייער עסן איז אויפן טיש!

מערי האָט געוואוסט, אַז זי וועט ניט צוריקקריגן איר געלט. זי האָט אָבער געוואָלט זיי אַביסל אָנלערנען.

דערווײַל זײַנען אַרײַנגעקומען נאָך צוויי מענטשן, אײנער אַ דיקער מאַן, אַ גוט־געקלײדטער, און אַ גרויע אַלטיטשקע. מערי האָט גלײַך באַשלאָסן, אַז דער מאַן איז ניט קיין שטענדיקער באַזוכער פון קאַפּעטעריעס, מסתמא אַן אײגענער, כדי צו װײַזן, אַז ס׳קומען אַרײַן „קאַסטאַמער״...

— גיט מיר צוריק מײַן געלט, — איז מערי באַשטאַנען אויף אירס.

זי איז צו צו דער אַלטיטשקער. די אַלטיטשקע האָט געזוכט אויפן „קאַונטער״ וואָס צו באַשטעלן. מערי האָט צו איר געזאָגט:

— איר ווייסט, דאָ איז אַ סטרײַק. מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן אַר־בעטער. אפשר נאָך טאַטעס פון קינדער. עסט דאָ ניט.

די אַלטיטשקע האָט מיט ציטערדיקע הענט אַראָפּגעכאַפּט אירע ברילן, מערין אַ ווײַלע אָנגעקוקט און בייז, ווי אַ וואָרטשנדיקע קאַץ, געזאָגט:

— אויב דיר געפעלט דאָ ניט, גיי צוריק פון וואַנען דו קומסט. מיר אַמעריקאַנער...

— איך בין אַזאַ גוטע אַמעריקאַנערין, ווי איר, נאָר קיין סקעב וויל איך ניט זײַן.

דער מענעדזשער איז בלאַס געוואָרן. דאָס בלוט האָט זיך אים ערגעץ אָפּגעטראָגן. ער איז געשטאַנען, ווי אַ לײמענער גולם.

מערי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טישטעכל און אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד:

— מיאוס׳ע מענטשן וואָס איר זײַט! וואַרט, ס׳וועט נאָך קומען אַ צײַט אויף אײַך!

די מענטשן זײַנען אומרואיק געזעסן בײַ די טישלעך און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן עסן.

מערי איז אַרויס.

אין דרויסן איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען דער מאַן מיטן פּלאַ־קאַט. מערי האָט איבערגעלייענט. זי איז צו צום מאַן און אים דער־ציילט, וואָס ס'איז נאָר וואָס פאָרגעקומען אין דער קאַפעטעריע.

זיי האָבן ביידע שטאַרק געלאַכט. דער געלעכטער האָט זיך אַריינגעריסן אין דער אָפענער טיר און נאָך אומרואיקער געמאַכט די מענטשן אין דער קאַפעטעריע.

די מאַמע

די גרויסע בוכשטאַבן אין דער צייטונג האָבן געבלענדט אירע אויגן. „היינט דאָנערשטיק אַ הונגער־מאַרש". פון יעדן אות איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָליסמאַן אויף אַ פערד. דערנאָך האָבן זיך אַלע ווערטער אויסגעמישט, און זי האָט דערזען ווי מען טראָגט אַ צעבלוטיקטן איר זון. זי זעט ניט זיין פּנים: ער איז אָפּגעגאָסן מיט בלוט.

איר געל צעקנייטשט פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ האַק־ברעטל נאָך לאַנגע יאָרן נוצן.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט זי אָפּגעווישט דעם שטערן, ווי זי וואָלט וועלן אַוועקטרייבן די געדאַנקען.

— גיי ניט, מיין קינד, האָב רחמנות אויף דיין מאַמעס אַלטע יאָרן, — וויפיל מאָל האָט זי זיך געבעטן ביי איר זון, ער זאָל ניט גיין אויף די דעמאָנסטראַציעס.

— מאַמע, טויזנטער אַרבעטער גייען, איך בין ניט איינער.

— האָסט ניט קיין רחמנות אויף דיין מאַמען.

זי האָט געהערט ווי איר זון לויפט איילנדיק פון די שטיגן.

אוי, ווי זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל ניט גיין. ווער ווייסט ווי אַזוי ער וועט צוריקקומען? און דאָך איז זי שטאָלץ געווען. דאָך האָט איר האַרץ זיך געגרויסט מיט איר בראַוון זון.

זי דערמאָנט זיך ווען ער איז נאָך אַ אינגל געווען. 17 יאָר אַלט געווען. נאָך דער אַרבעט פלעגט ער פאַרשווינדן גאַנצע אָוונטן. איז זי איינמאָל צוגעשטאַנען צו אים:

— וואו גייסטו, מיין קינד? זאָג מיר, אַ מאַמע דאַרף אַלץ וויסן.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר די אַקסלען, זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך און געזאָגט:

— מאַמע טייערע, זעסט ווי קראַנק דו ביסט. זעסט ווי אָרעם דו לעבסט, און זע, וויפיל רייכע עס זיינען דאָ. זע, ווי גוט זיי לעבן. פאַרוואָס? מיר דאַרפן קעמפן, מאַמע, אַלע אַרבעטער צוזאַמען.

זי האָט זיך פאַרטראַכט:

אוי, וויפיל זי האָט געליטן. וויפיל בעכט זי איז ניט געשלאָפן. מ׳האָט איינמאָל איר זון געכאַפּט. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע. מ׳האָט אים גע׳הרג׳עט, געשלאָגן. אין טורמע פאַרזעצט. אַ פּאָר חדשים איז ער אָפּגעזעסן, און דערנאָך אַרויס, אַן אָפּגעצערטער, ווי נאָך אַ קרענק, וויפיל זי האָט דעמאָלט צעוויינט. און ער לאַכט:

— מאַמע, איך האָב זיך אָפּגערוט דאָרטן...

און איינמאָל האָט זיך פּאָליציי געיאָגט נאָך די אַרבעטער. אין אַ וועלדל, ניט ווייט פון שטאָט. און ער, איר זון, האָט זיך אונטער אַ בוים באַהאַלטן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין טיפן גראָז. אַ גרויסער הונט איז צוגעקומען, פון יענע גרויסע פּאָליציי־הינט, וואָס געפינען מענטשן. איז איר זון געלעגן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. און דער הונט שמעקט און שמעקט, און איז אַוועק. אַ גליק וואָס ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

אין אייביקן שרעק געלעבט. און איצט — ווידער געגאַנגען. ווער ווייסט ווי אַזוי ער וועט צוריקקומען.

„מאַמע, איך בין ניט איינער".

דאָס איז אמת, ער איז ניט איינער. אַלע זיינען זין פון מאַמעס.

„מיליאָנען מענטשן הונגערן. קינדער שטאַרבן פון הונגער. קען מען דען זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט?"

ער איז גערעכט, איר זון.

ווידער האָט אַ שווער געטאָן פאַר אירע אויגן די פּאָליציי.

זי האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג. אַ שוואַכע איז זי צו צום פענצטער. אַ זוניקער טאָג אין דרויסן. מענטשן גייען אַרום ווי

שטענדיק. גאָרניט האָט זיך דאָ איבערגעביטן. נאָר דאָרטן, ערגעץ אויף אַ ווייטער גאַס, לויפן פערד איבער מענטשישע קעפּ. טרעטן קערפּערס...

זי איז אַוועק פון פענצטער. שנעל זיך געגומען פּאָרען ביי דער שאַפע מיט די זאַכן. אַלץ איז איר פון די הענט געפאַלן. אײַלנדיק האָט זי זיך אָנגעטאָן און צו זיך גערעדט:

— איך וועל אויך גיין, איך אויך...

נאָר ווי זי האָט גענומען גיין פון די שטיגן, האָבן איר קיין כוחות ניט געסטייעט. זי איז אומגעפאַלן אַ שוואַכע אויף די שטיגן, און אין אירע אויערן האָט געקלונגען:

„מיליאָנען אַרבעטער הונגערן".

פאַמעלעך האָבן זיך באַוועגט אירע ליפּן, ווי אַ רעדל פון אַ מאַשין, וואָס מען האָט שוין אויפגעהערט דרייען, נאָר עס דרייט זיך נאָך פון זיך אַליין, און פון די ליפּן איז אַרויס אַ שטיל קרעכצן:

— איך אויך, איך וועל אויך גיין...

די קינדערלאַזע

עס איז געווען אַ פרילינג־פרי־מאָרגן. אויף דער שול־גאַס האָט זיך געטומלט. די קינדער, אויס־געוואַשענע, פרישע פון שלאָף, זיינען געלאָפן אין שול.

אין אַזוינע פרימאָרגנס האָט מיסעס קליין ליב געהאַט צו זיין אויף דער שול־גאַס. זי האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די קינדער, באַטראַכט יעדעס קינד באַזונדער. זי פלעגט זיך אָפּשטעלן אין מיטן גאַס, צוגיין צו אַ קינד, גלעטן עס די האָר. דאָס קינד בלייבט שטיין, קוקט אויף איר מיט אויפגעריסענע אויגן. מיסעס קליין שמייכלט און קוקט דעם קינד אין די אויגן אַריין: — דו ביסט אַ שיין מיידעלע...

דאָס קינד פאַרלירט זיך, נעמט אַוועקגיין און קוקט איר נאָך פאַרדעכטיק.

דאָ, צווישן די קינדער, האָט זיך מיסעס קליין געפילט גוט. באַזונדערס האָט זי ליב געהאַט קליינע קינדערלעך, וואָס קענען נאָך ניט גיין. קינדערלעך וואָס וויסן נאָך ניט דעם אונטערשייד ווער עס איז זייער מאַמע. אַז מיסעס קליין פלעגט נעמען אַזאַ קינד אויף דער האַנט, האָט זיך איר האַרץ שטאַרק צעקלאַפּט. אַ וואַרעמקייט האָט זיך געגאָסן אין איר קערפּער. דאָס קינד האָט אָנגעכאַפּט מיסעס קליין פאַר די האָר, געריסן ביז ווייטיק, און מיסעס קליין האָט געשמייכלט. שכנים האָבן באַוואונדערט איר גוטסקייט.

— מיסעס קליין, איר דאַרפט האָבן אַ קינד. איר האָט אַזוי ליב קינדער.

— כ׳האָב ליב פרעמדע קינדער. איך זע ווי איר מאַטערט זיך מיט אייערע קינדער, ווײל איך ניט...

אָבער גאַנץ טיף ביי זיך אין האַרצן האָט מיסעס קליין ניט איינמאָל געטראַכט: ווען איך וואָלט געקענט האָבן אַ קינד! ווער וואָלט געווען גלייך צו מיר. דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט! פון אייגן בלוט און פלייש — אַ קינד. וויסן, אַז דאָס לעבן פון דעם קינד איז אין גאַנצן אָפּהענגיק פון מיר. אַז עס דאַרף נאָר מיך, מיך.

ווען דער דאָקטאָר האָט איר דערקלערט, אַז זי וועט קיינמאָל קיין קינדער ניט האָבן, האָט זי וואָכן לאַנג געוויינט. זי האָט פאַר זיך קיין טרייסט ניט געזען. און זי האָט זיך געפּרוּווט איינרעדן, אַז דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ טעות. כאָטש זי האָט גוט געוואוסט, אַז דער דאָקטאָר ווייסט וואָס ער רעדט. אַז ער האָט איר דעם אמת געזאָגט. און דאָך האָט זי געהאָפט. ניט איינמאָל פלעגט זיך איר חלומ׳ען, אַז זי האָט אַ קינד און זי זויגט עס אַליין. מאָדנע, זי האָט קיינמאָל ביז איצט אַזאַ געפיל ניט געהאַט. זי פילט ווי דאָס קינד באַרירט איר ברוסט מיט די וואַרעמע ליפּעלעך און זויגט. איר האַרץ צעקלאַפּט זיך שטאַרק. זי עפנט די אויגן און זעט ווי זי דריקט מיט איר אייגענער האַנט די ברוסט. פלעגט זי גאַנצע נעכט ליגן און וויינען.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַ שכנה איז אַריינגעקומען צו איר אין הויז און זי געבעטן אַכטונג צו געבן אויף איר קינד. זי מוז אַוועקגיין אויף אַ שעה און וועט איר די טובה קיינמאָל ניט פאַר־געסן.

מיסעס קליין איז געבליבן מיטן קינד. ס׳איז געווען אַ קליין געזונט אינגעלע. זי איז געווען גליקלעך. זי האָט זיך געלייגט אויפן בעט, דאָס קינד לעבן זיך. דאָס קינד האָט מיט די פולע פּיסלעך געקלאַפּט איר אין האַרצן. זי האָט זיך געלאָזט און געפילט אַ מאָדנע גוטסקייט פון דעם קלאַפּן. מיטאַמאָל האָט דאָס קינד זיך שטאַרק

צעווייִנט. זי האָט ניט געוואוסט מיט וואָס דאָס קינד צו באַרואיקן. זי האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט, געהאָצקעט, גערעדט צו אים. ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. איז איר עפּעס אײַנגעפאַלן. זי האָט גענומען דאָס קינד אויפן שויס, אַרויסגענומען איר טרוקענע ברוסט און געגעבן דעם קינד. דאָס קינד האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון דער ברוסט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט אָנגעכאַפּט מיט די ליפּעלעך די ברוסט און גענומען זויגן. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. דאָס קינד האָט אַרויסגעלאָזט די ברוסט פון מויל און געקוקט איר גלייך אין די אויגן אַרײַן.

זי האָט פּלוצלונג דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, זיך אַ כאַפּ געטאָן און געבראַכט זיך אין אָרדענונג. די שכנה איז אַרײַן.

איז מיסעס קלײַנס לעבן געוואָרן אַלץ שווערער. אַלע אירע פאַרלאַנגען האָבן זיך רעדוצירט צו איין פאַרלאַנג — אַ קינד. ווען מיסעס קליין האָט זיך אַריבערגעצויגן אין דעם טענעמענט־הויז, האָט זי געהאָפט, אַז דאָ וועט איר גרינגער ווערן. זי וועט זײַן צווישן אַ סך מענטשן און קינדער און זיך פאַרגעסן אין איר אומגליק. דאָ צווישן אַ סך קינדער וועט זי אפשר אויפהערן בענקען נאָך אַן אייגן קינד. אין שטילן אײַנשטאָקיקן הײַזל אין לאָנג־איילענד, וואו זי האָט פריער געוואוינט, איז זי געווען איינע אַליין און קיינער האָט איר ניט געשטערט צו טראַכטן. די טעג זײַנען געווען לאַנגע, שווערע, אומדערטרעגלעכע. האָט זי געהאָפט, אַז אין רוישיקן ניו יאָרק, אין אַ גרויסן טענעמענט־הויז, וועט איר זײַן לײַכטער, זי וועט אין טומל זיך פאַרגעסן. איז פון אָנהויב האָט זי זיך טאַקע געפילט גוט. צוערשט דאָס אײַנשטעלן די מעבל און דאָס אײַנאָרדענען זיך אויף דער נײַער וואוינונג האָט בײַ איר אַוועקגענומען אַ סך צײַט. זי האָט יעדעס שטיק מעבל אַרומגעווישט, אַרומגעגלעט מיט אַזוי פיל ליבע, ווי אַ מאַמע אַ קינד. אין דעם נײַעם הויז האָט מיסעס קליין אַרײַנגעשטעלט פרישע יונגע בלומען־טעפּ. יעדן טאָג האָט זי זיי באַגאָסן מיט פרישן קאַלטן וואַסער, יעדעס בלעטל אַרומגעווישט,

אַרומגעהויכט. די בלומען־טעפּ האָבן, ווי אויף צו להכעיס, אָנגע־הויבן איינגיין. מיט יעדן טאָג מער און מער איינגעגאַנגען. דאָס האַרץ האָט איר ווי געטאָן, צוקוקנדיק ווי די בלומען דאַרן אײַן, שטאַרבן אָפּ. זי האָט צו זיי גערעדט, ווי צו קראַנקע קינדער: וואָס פעלט אייך? וואָס ווילט איר? אַז אַ בלום איז אין גאַנצן פאַר־דאַרט געוואָרן האָט זי אַלץ נאָך ניט אַרויסגעוואָרפן. זי האָט ניט איינמאָל געטראַכט, אַז זי איז פאַרשאָלטן. אַז קיין לעבעדיקע זאַך קען ביי איר אין הויז ניט וואַקסן. אָט אַזוי זיינען אויסגעדאַרט געוואָרן אַלע דריי בלומען־טעפּ. ס'האָט זיך עפּעס אין איר האַרצן אָפּגעריסן. די נייע וואוינונג האָט אָנשטאָט דער דערוואַרטער פרייד געבראַכט מער צרות. ניט איינמאָל פלעגט זי זיצן ביים הויז און נאָכקוקן די פרויען מיט די קינדער. זי פלעגט אַמאָל ניט־ווילנדיק אַ כאַפּ טאָן אַ קינד אויף די הענט און אָנהויבן עס גלעטן און קושן.

— מיסעס קליין, איר מוזט האָבן אַ קינד.

זי שמייכלט פאַרלאָרן.

אַז אַ שכנה פלעגט צו איר אַרויפקומען, און באַוואונדערן די ציכטיקייט אין איר הויז, פלעגט זי זאָגן:

—אַ קינד וועט ביי אייך שוין איינמאָל זיין גוט.

און קיינער פון די שכנים האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ וויי־טיק זיי האָבן איר פאַרשאַפט מיט זייערע רייד.

ווען אין טענעמענט־הויז איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, איז מען גלייך געלאָפן צו מיסעס קליין און איר געוואונטשן: — אין גיכן ביי אייך, מיסעס קליין.

וואָס פאַר אַ גיהנום אָט דאָס טענעמענט־הויז איז געווען פאַר איר איז שווער געווען צו באַגרייפן.

איינמאָל איז מיסעס קליין געזעסן ביים הויז און צוגעקוקט ווי אַ יונגע מוטער מאַטערט זיך איינצושלעפערן איר קינד. די יונגע

מוטער האָט שיר ניט געוויינט און דאָס קינד איז נאָך אַלץ ניט איינגעשלאָפֿן.

מיסעס קליין איז צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט:

— לאָזט מיך, איך וועל איינשלעפֿערן דאָס קינד. איך וועל אַרומפֿאָרן מיטן קינדער־וועגעלע, וועט דאָס קינד איינשלאָפֿן.

— אָט דאָס וויל עס טאַקע, אָבער איך האָב שוין קיין כוח ניט. אָ, איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין.

מיסעס קליין האָט גענומען דאָס וועגעלע און זיך געלאָזט גיין. אויף איינער פֿון די גאַסן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט. אירע אויגן האָבן פּלוצלונג אויפֿגעשטראַלט. מענטשן זיינען זיכער, אַז זי איז די מאַמע, נעמען זי אָן פֿאַר דער מאַמע פֿון קינד. אויף איין מינוט כאָטש אַ מאַמע! זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, פֿאַרריכט דאָס קישעלע פֿון קינד. צוגעדעקט מיטן קאָלדערלע.

עס זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען צוויי מענער און זי האָט געהערט ווי איינער האָט באַמערקט:

— ס'אַ שיינע יונגע מאַמע.

דאָס האַרץ האָט זיך אין איר צעקלאַפּט. ווער איז גלייך געווען צו איר אין דער מינוט!

איינמאָל איז מיסעס קליין געזעסן ביים צעעפֿנטן קאָמאָד און באַטראַכט די קינדער־זאַכעלעך, וועלכע זי פֿלעגט נייען ווען עס איז איר זייער שווער געווען. איר גאַנצע נשמה און ליבע האָט זי אַריינ־געטאָן אין דעם נייען. זי האָט די זאַכן געהאַלטן מיט אַזוי פֿיל זאָרגפֿעליקייט און צאַרטקייט פּונקט ווי אין זיי וואָלט זיך געפֿונען אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש.

איז זי געזעסן אַזוי ביים צעעפֿנטן קאָמאָד און זיך ווידער גע־וואָלט נעמען צום נייען, אָבער זי האָט זיך דערפֿילט זייער שוואַך פֿון אַ גאַנצער נאַכט ניט שלאָפֿן: נעכטן פֿאַרנאַכט ווען זי איז גע־זעסן לעבן הויז האָט זי געהערט ווי אַ מאַן האָט אויסגעשריען: איך

גיב צען דאָלאַר, ווען מיסעס קליין וועט האָבן אַ קינד. אַלע האָבן געלאַכט.

וואָס ווילן זיי פון מיר אָט די אַלע מענטשן? וואָס מאַטערן זיי מיך?

זי האָט געקוקט אויף די קינדער־זאַכעלעך און ס'האָט איר פּלוצלונג אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. פון אַלע זייטן צימער האָבן זיך טויזנטער קינדער אַ לאָז געטאָן אויף איר, זי געשטיקט מיט זייערע קליינע הענטעלעך, געריסן פאַר די האָר, געקלאַפּט אין האַרצן און זי געוואָרגן. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און גע'חלש'ט.

מענטשן

דער מאַן מיט די פּינאָטס

שבת נאָך האַלבער נאַכט. די סאָבוויי איז געפּאַקט מיט מענטשן. אַ טומל פון אָפּגעריסענע ווערטער. אַ פאַרשייטער געלעכטער פון דער יוגנט מישט זיך צונויף מיטן קלאַפּן פון די סאָבוויי־רעדער.

ער איז געזעסן, דער מענטש, איינגעראַמט פון ביידע זייטן פון מענטשן, און געשלאָפן. זיין פּנים האָט דערציילט פון שלאָפלאָזע נעכט, פון טעג ניט־דערעסן. זיינע קני אין זומערדיקע אָפּגעריבענע הויזן האָבן געציטערט. דער טומל אין סאָבוויי האָט אים איינגעוויגט. די אויגן, איינגעפאַלענע, ווי זיי וואָלטן איינגעזונקען, זיינען געווען צוגעמאַכט. מיט ביידע הענט האָט ער געהאַלטן אַ בייטעלע מיט פּינאָטס. ער האָט עס געהאַלטן נאָענט צום האַרצן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל עס ביי אים ניט צונעמען.

מעכאַניש האָט ער געלייגט די פּינאָטס אין מויל, מעכאַניש אַרויסגעוואָרפן מיט די ליפּן די שאָלעכץ און געקייט הונגעריק. ס'האָט געוואונדערט, ווי די פינגער טרעפן פונקט אין פאַפּירענעם בייטעלע און לייגן גלייך אין מויל אַריין. דער מויל האָט געקייט און געשלונגען, ווי דער מענטש וואָלט צו אים, צום מויל, קיין שייכות ניט געהאַט. די שאָלעכץ איז געפאַלן אויף זיינע קני, צעריסענע שיך און אַרום אים. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער ווערט באַשאָטן מיט שניי.

מענטשן האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַראַכטונג. יונגע כעוורע האָט זיך געוויצלט איבער אים. אַ יונגער בחור, וואָס האָט העפלעך גערעדט צו אַ מיידל, האָט געוואָלט אַרויסזאָגן אַ קלוגן געדאַנק:

— אַ מענטש ווי אַ חזיר!

די מיידל לאַכט:

— אַ מענטש ווי אַ קאַץ!

ס'איז געווען ווייטיקדיק צו קוקן, ווי אַ שלאָפנדיקער מענטש עסט. אַ ווײַלע האָט ער אויפגעהערט עסן. ער האָט עפּעס געמורמלט פון שלאָף. ער האָט פּלוצלונג אַ פּאַכע געטאָן מיט די הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך באַשיצן פון קלעפּ. דאָס פּאַפּירענע בײַטעלע איז אַרונטערגעפאַלן. די פאַרבליבענע פּינאַטס האָבן זיך צעשאָטן.

דער מענטש האָט אַ כאַפּ געטאָן זיך פון שלאָף, אַ בויג געטאָן זיך צו דער ערד, זיך אַריבערגעבויגן איבער די אייגענע קני, און גענומען זוכן מיט די אויגן, מיט די הענט, ווי ער וואָלט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן. מיט צעשראָקענע אויגן און זשעדנעקייט האָט ער געקליבן די פּינאַטס פון דעם דיל, פון צווישן די פיס ביי די מענטשן. מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער געקליבן יעדן פּינאַט, ווי ס'וואָלט געווען אַ בריליאַנט.

ער האָט צונויפגעקליבן די פּינאַטס, צוגעמאַכט די אויגן און ווידער אײַנגעשלאָפן.

די מענטשן אַרום אים האָבן געלאַכט.

פראָטעסט

די סאָבווײ האָט זיך אָפּגעשטעלט.
די טירן האָבן זיך געעפֿנט. מענטשן האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן, און אין איין מינוט זײַנען אַלע פּלעצער געוואָרן באַזעצט. אַ הויכער ברייטפּלייציקער נעגער אויף איין פֿוס אָנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע איז געבליבן שטיין. די געזונטע מענטשן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿלינקער פֿאַר אים. ער איז געשטאַנען אויף איין פֿוס, אַ פֿינצטערער, ווי אַ פֿאַרבליבענע אונטערגעברענטע וואַנט נאָך אַ שׂרפֿה. אַ שוואַרצע, פֿאַרדריכערטע. די סאָבווײ האָט זיך געיאָגט און ניט געלאָזט אים איינשטיין. זײַן הילצערנע קוליע האָט זיך געגליטשט פֿון אונטער דער האַנט. דער איינציקער פֿוס אין אויסגעדרייטן שוך האָט זיך אונטערגעבויגן, געבראָכן. טראָפּנס שווייס האָבן זיך גע־קײַקלט אויף זײַן גרויסן פֿאַרגליווערט־אויסגעקרימטן פּנים:

— זעען ניט אָט די געזונטע ווייסע מענטשן, אַז ס'איז מיר שווער צו האַלטן מײַן גרויסן קערפּער אויף איין פֿוס? וואָלט כאָטש איין שוואַרצער זיך געפֿונען אין סאָבווײ, אויף וועמען די אויגן אָפּ־צושטעלן.

און דער כּעס אויף די ווײַסע איז געוואַקסן. די אָדערן אויף זײַנע שוואַרצע גרויסע הענט האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און געקראַמפּט די קוליע. ער האָט אַ פֿיר געטאָן מיט די אויגן איבער די מענטשן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ברענט אויס שטיקער פֿלייש אין יעדנס פּנים.

די מענטשן זײַנען געזעסן רואיקע, געקוקט אויפֿן שוואַרצן ריז מיט איין פֿוס ווי אויף עפּעס אַ זאַך.

אַ יונג מיידל האָט זיך אויפֿגעהויבן און אים אָנגעוויזן אויף איר פּלאַץ. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף איר און דערנאָך אַ פֿײַער

געטאָן מיט די אויגן אויף די מענער מיט די געזונטע פיס. ער האָט זיך דערפילט נאָך מער באַליידיקט. אַ מיידל גאָר טרעט אים אָפּ איר פּלאַץ, און די מענער רירן זיך ניט פון אָרט. ער האָט אַרונטער־געלאָזט די אויגן און געבליבן שטיין שטום.

— אַט וועט עס קומט אַריין אַ געפּאַרבט מיידל, וואָלט יעדער איינער געוואָרן אַ „דזשענטלמען" און אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ. אָבער ער, אַ נעגער, אַ קאַליקע, — וועמען גייט ער אָן?

די סאָבוויי יאָגט זיך. וואַרפט אים פון איין זייט אויף דער אַנ־דערער.

אַן עלטערער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן און אָפּגעטראָטן אים דעם פּלאַץ. און, איידער ער האָט זיך באַוויזן צו זעצן, האָט שוין אַ געזונטער ווייסער מענטש פאַרכאַפּט דאָס אָרט. זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט און די אויגן האָבן געשׂרפה׳ט די לופט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, צו צו דער טיר, וואָס פירט פון איין וואַגאָן אין צווייטן, אויפגעריסן די טיר, און זיך געשטעלט מיט דער קוליע אויף איין פּלאַטפאָרם און מיטן פוס אויף דער צווייטער.

דער ווינט האָט געריסן דעם אָפּגעטראָגענעם מאַנטל געשליי־דערט אים, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַלט ער אַרונטער און ווערט צעמאָלן אונטער די רעלסן. ער איז געשטאַנען ווי אַ פינצטערע סטאַטוע, וואָס דראָט מיט פּראָטעסט. די קייטן, וואָס האַלטן געשמידט די וואַגאָנען, האָבן אויסגעקלונגען: פּראָטעסט, פּראָטעסט, פּראָ־טעסט.

די סאָבוויי האָט זיך געיאָגט אין משונה׳דיקער שנעלקייט. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ פינצטערן טונעל, האָט זיך געדאַכט, אַז אַ מחנה משוגעים האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ משוגעים־הויז אינמיטן נאַכט און לויפט צום אָפּענעם שליאַך. די צעריסענע זאַכן פּלאָטערן אין דער לופטן און זיי טראָגן זיך מיט אַ משונה׳דיקן גע־שריי: אַ־אַ־אַ־אַ — — — — — — — — — — — — — —

אַ מיידל אָן אַ דאַך

די סאָבוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ יונג מיידל פון אַ יאָר אַכצן איז אַרייַנגעפאַלן אין וואַגאָן. זי האָט זיך אַ זעץ געטאָן לעבן אַן עלטערן מאַן און אים צאַרט אָנגענומען פאַר דער פּלייצע. מ'האָט געזען, אַז די מיידל איז שיכור.

דער מאַן האָט זיך פון אומדערוואַרטקייט דערשראָקן. די מיידל איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע, ווי אַ מענטש פאַר אַ טייך... איר בלאַס פּנים איז נאָך בלאַסער געוואָרן. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געבעטן.

„אָנשטענדיקע" מענטשן האָבן זיך אויסגעמיטן מיטן בליק. זי האָט, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, זיך דערשלעפּט צו דער טיר. דער קאָנדוקטאָר איז געשטאַנען צווישן די וואַגאָנען און אויסגערופן די סטאַנציע. די מיידל איז צו נאָענט צו אים, אַרויפגעלייגט אירע בלוטלאָזע הענט אויף זיין אַקסל, זיך גע־טוליעט צו אים, ווי אַ באַליידיקט קינד צו דער מאַמען. אָן אַ וואָרט, אָן אַ קלאַנג האָט זי געקוקט אויפן קאָנדוקטאָר מיט אויגן, וואָס האָבן געזאָגט: האָב רחמנות.

דער קאָנדוקטאָר האָט זיך אַרומגעקוקט, באַמערקט אַלעמענס בליקן, און געזאָגט צו דער מיידל:

— גיי, זעץ זיך אַוועק.

זי האָט זיך געזעצט געהאָרכזאַם, ווי אַ קינד. זי האָט אָנגע־שפּאַרט איר קאָפּ אין ווינקל ביי די אייזערנע גראַטעס פון פענצטער און איז איינגעשלאָפן. איר יונגער מויל האָט זיך

האַלב געעפנט און די ליפּן האָבן געציטערט. גאָלדענע ווייכע קינדערשע האָר האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער דעם שוואַרצן היטעלע, ווי זיי וואָלט דאָרט ענג געווען. אַ „ברייטאַנטענע" שפּילקע פון אַ „פּייוו און טען" קראָם האָט זיך געבאָמבלט אויף אַ פאָדעם אויפן שוואַרצן היטעלע... אין אַן אַלטן שוואַרצן מאַנטל, אין שוואַרצע אָפּגעטראָגענע שיך איז זי געזעסן אַ פוס אויף אַ פוס, ווי אַ מענטש אין טרויער נאָך אַ נאָענטן פאַרשטאָרבענעם.

זי האָט אויסגעזען, ווי אַ מיידל, וואָס קומט פון דער פּראָווינץ זוכן גליקן אין דעם גרויסן ניו יאָרק. ווער ווייסט, אפשר האָט זי שוין טעג ניט געגעסן, געזוכט אַרבעט און ניט געפונען, האָט זי פאַר די לעצטע פּאָר סענט זיך אָנגעטרונקען, כדי צו שטילן דעם הונגער.

אירע יונגע פיס האָבן אין שלאָף אָנגעוואָרן דעם באָדן הינטער זיך, זיך אויסגעצויגן. מענער האָבן געוואָרפן בליקן אויף די שלאַנקע מיידלשע פיס. געקוקט אויף דער שלאָפנדיקער מיידל, וואָס האָט געוועקט אין זיי פאַרלאַנגען. די פרויען האָבן מיט פאַראַכטונג זיך אָפּגעקערט פון איר.

דער קאָנדוקטאָר האָט געוואָרפן אומרואיקע בליקן אויף דער מיידל. ער איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו איר. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט זי דורך דער פּלייצע. זיין קול איז געוואָרן וואַרעמער, ווי ער וואָלט גערעדט צו איר:

— פּופּציקסטע גאַס, פּופּציקסטע גאַס. — ער האָט אויסגערופן שטיל, ווי פאַר זיך. ס'האָט זיך געדאַכט, ווען ער וואָלט ניט מורא האָבן פאַר די מענטשן, וואָלט ער צוגעגאַנגען צו איר, זי איינגעדעקט מיט זיין מאַנטל, ווי אַ טאַטע זיין קינד.

די טירן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט. די מיידל איז נאָך אַלץ געשלאָפן. דער ווינט האָט דורך די אָפענע טירן זיך געשפּילט מיט איר קלייד, מיט די ווייכע גאָלדענע האָר.

— דריי־און־צוואַנציקסטע גאַס! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופן, אַן עפן געטאָן די טירן. מענטשן זיינען אַרויס און אַריין.

— דריי־און־צוואַנציקסטע גאַס! — האָט דער קאָנדוקטאָר צאַרט אויסגערופן. ער האָט געקוקט אויף דער שלאָפנדיקער מיידל און זיך שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן. ער איז צוגעגאַנגען, זי צאַרט אָנגערירט פאַרן היטעלע און געזאָגט:

— שטיי אויף, קינד, אפשר דאַרפסטו דאָ אַרויסגיין.

די „בריליאַנטענע" שפּילקע אויף איר היטעלע האָט זיך צום לעצטן מאָל אַ וויג געטאָן אויפן פאָדעם און איז אַרונטערגעפאַלן. דער קאָנדוקטאָר האָט עס באַמערקט, ער האָט אויפגעהויבן די שפּילקע און זי אַוועקגעלייגט צו דער מיידל אויפן שויס.

זי איז געשלאָפן. אָן אַ היים. אַ יונג מיידל אָן אַ דאַך. אין דער רייכער שטאָט ניו יאָרק.

אַ מענטש אָן אַ היים

ער איז געלעגן איינגעוורעט, צונויפגעקאָרטשעט אויף דער באַנק. לעבן אים איז געשטאַנען אַן אַלטער טשעמאָדאַן מיט אַ פאַרזשאַווערטן שלאָס. צוקאָפּנס — אַן אַלט, ווייס העמד. אַן אַרבל פון דעם העמד איז אַראָפּ־געהאַנגען און זיך געבאָמבלט אין דער לופטן. אַ קערפּער אָן אַ מאַנטל, אין אַן אַלטן אָפּגעריבענעם אָנצוג. דער קראַגן פון דעם רעקל אויפגעשטעלט, ווי ס׳וואָלט געווען אַ פּוטערנער. דאָס פּנים — באַדעקט מיט זיין היטל, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר די מענטשן אַרום; ווי ער וואָלט ניט געוואָלט באַווייזן זיין פּנים פאַר חרפּה, וואָס אַזאַ דערוואַקסענער מענטש האָט ניט קיין היים, קיין דאַך איבערן קאָפּ. ס׳האָט געוואונדערט ווי אַזוי דער מענטש קען אָטעמען אונטער דעם היטל. ער האָט זיך געדרייט אין דרייען, ניט געקענט איינליגן רואיק. די באַנק פון דעם סאָבוויי־וואַגאָן איז געווען צו שמאָל און צו האַרט. יעדעס מאָל, ווען די סאָבוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און נייע מענטשן זיינען אַריינגעקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך די קעלט פון דער פּראָסטיקער נאַכט, האָט זיין קערפּער אויפגע־ציטערט. נאָר באַלד איז ער ווידער איינגעשלאָפן. אין שלאָף האָט אַ האַנט געזוכט אַ וואַרעמען פּלאַץ. אַ האַנט האָט זיך באַהאַלטן אין הויזן־קעשענע און איז באַלד אַרויסגעלאָפן. אַ האַנט האָט זיך באַהאַלטן אונטער זיין קערפּער. איז, ווייזט אויס, פאַרלעגן געוואָרן, און געזוכט אַן אַנדער פּלאַץ. ס׳האָט אויס־געזען, ווי די האַנט וואָלט פאַר זיך געווען אַ מענטש און גע־

רעדט... די פינגער האָבן זיך געקראַמפּט פון קעלט, געעפנט, געמאַכט באַוועגונגען אין דער לופט, ווי זי וואָלט געוואָלט קריגן אַן אָנהאַלט, ווי זי וואָלט זיך געבעטן: לאָזט מיר זיך אָנוואַרעמען. פון אונטער דעם היטל האָבן זיך אַרויסגעזען גרויע האָר, וואָס האָבן זיך געשעמט צו באַווייזן פאַר די מענטשן אַרום: ווי האָט עס אַ מענטש ניט קיין אייגענע היים פאַר זיך?

פון אונטער דעם היטל האָט זיך געהערט, ווי דער מענטש האָט גערעדט פון שלאָף:

— גוט אַזוי, מיין קינד, ביסט אַ וואויל קינד, עי נייס קיד...

ס'האָט זיך דעם הימלאָזן מענטשן גע'חלומ'ט זיין געוועזענע היים, זיין קינד.

די סאָבוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווידער האָט דער מענטש אויפגעציטערט. ער האָט זיך געגעבן אַ דריי אויף דער באַנק און איז שיר ניט אַרונטערגעפאַלן.

אַ יונגער מאַן מיט אַ פאַרגעלטן פנים איז אַריינגעקומען. געזוכט מיט די אויגן אַ פּלאַץ, וואו זיך אַוועקצוזעצן. ער האָט ניט געפונען. איז ער צוגעגאַנגען צום שלאָפנדיקן מענטשן, אים אָנגענומען פאַר די פיס, זיי אַראָפּגעשטעלט אויפן דיל און זיך אַוועקגעזעצט. דער מענטש האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון שלאָף און זיך אויפגעזעצט. זיין היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן פון פנים. אַ בלאַסער, בלוטלאָזער פנים פון אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק האָט געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן; איין האַנט האָט מיט ציטער גערוקט דעם טשעמאָדאַן נעענטער צו זיך, ווי דאַרטן וואָלט זיך געפונען זיין גאַנץ פאַרמעגן; מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס העמד, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל עס ביי אים ניט צונעמען. מיט צעשראָקענע אויגן האָט ער געקוקט אַרום זיך, ווי ער וואָלט געפרעגט:

— וואו בין איך?

דער יונגערמאַן האָט ווי פֿאַרשטאַנען זיין קוק און אים געענטפערט:

— דו ביסט אין בראָנקס, וועיט אַרויף אין בראָנקס.

דער מאַן האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— הם, כ'האָב געמיינט ,איך בין אין פלאָרידע...

נאָכדעם האָט ער אָנגעטאָן זיין היטל, אָנגערוקט אויף די אויגן, צוגערוקט נעענטער זיין טשעמאָדאַן צו די פיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער זיצנדיק ווידער איינגעשלאָפֿן.

זיין קאָפּ האָט זיך געוויגט. פון דעם האַלב־אָפענעם מויל האָט זיך געהערט אַ כאָרכלען, וואָס האָט דערמאָנט אין דעם כאָרכלען פון אַ ניט־דערשאָכטענעם אָקס.

אין אַ ווינקל אויף דער זעלביקער באַנק זיינען געשלאָפן צוויי מענער. אַ נעגער און אַ ווייסער. איינער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן צווייטנס אַקסל.

און די סאָבוויי האָט זיך געיאָגט אין דער פּראָסטיקער נאַכט. דאָס קלאַפּן פון די רעדער האָט ווי אויסגעהאַקט די ווער־טער:

— אַ מענטש אָן אַ היים! אַ מענטש אָן אַ היים!

חבר הירשקע

חבר הירשקע איז אַרומגעגאַנגען אין קלוב אַ צעטראָגענער.

— טאַקע אַלץ גוט. טאַקע גוט, וואָס מיר האָבן נייע קלוב־צימערן, טאַקע גוט, וואָס חברים קומען אַהער און מען שמועסט, און מען טאַנצט און מען פרייט זיך, אָבער דער עיקר, חברים, איז ביי אונדז ניטאָ. דער אמת׳ער באַוואוסטזיין, חברים, פעלט אונדז.

אַזוי האָט חבר הירשקע גע׳טענה׳ט.

דעם קלוב האָט ער אָפּגעהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער איז אַלעמאָל געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון קלוב:

— חבר׳טע, זיי אַזוי גוט, וויש אָפּ די פיס. נאָר וואָס אויס־געוואַשן דעם דיל, אַ שאָד.

די חבר׳טע שמייכלט און פאָלגט אים. קיינער האָט ניט קיין האַרץ אים אָפּצוזאָגן. אַז הירשקע רעדט מיטן גאַנצן האַרצן.

אַ חבר האָט אַמאָל געזאָגט אין שפּאַס, אַז דער קלוב דאַרף הייסן „חבר הירשקע״. דעם חבר הירשקע האָט עס גוואַלטיק הנאה געטאָן. האָט אימיצער געדאַרפט זען חבר הירשקען, איז ער געקומען אין קלוב. אָפּט האָט חבר הירשקע פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ היים. און באמת האָט ער געטאָגט און גענעכטיקט אין קלוב.

ס׳האָט זיך געטראָפן, אַז קיינער איז אין קלוב ניט געווען. איז חבר הירשקע געזעסן אַנטקעגן לענינס בליד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און גערעדט צו זיך אַליין:

— עס פעלט נאָך אונדז אַ סך צו דעם, וואָס ער האָט געוואָלט.

ער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אויף אַ ווײלע און דערזען אויף דער צווייטער וואַנט סטאַלינס בילד. ער האָט זיך צעשמייכלט:

— צוויי גרויסע קעפּ.

חבר הירשקע האָט ניט איינמאָל אַזוי גע׳טענה׳ט:

— חברים, צו וואָס זיך נאַרן, אונדז פעלט נאָך אַ סך. מ׳דאַרף זיך נאָך אַ סך לערנען. אַביסעלע וויניקער טאַנצן. ס׳וועט ניט שאַטן.

חבר׳טעס פלעגן ברוגז ווערן. טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן, נו, וואָס איז אַז מ׳טאַנצט? מ׳מעג אַמאָל אויך טאַנצן.

— אַמאָל מעג מען טאָקע, אָבער ביי אונדז טאַנצט מען גאַנץ אָפּט... — הירשקע לאַכט און די חבר׳טעס בייזערן זיך.

איז אַ קאָנצערט אין קלוב, אָדער אַ וועלכע ניט איז אונטער־נעמונג, גייט הירשקע אַרום אַ יום־טוב׳דיקער. זיינע אויגן גלאַנצן, ער שיינט אין גאַנצן.

טאָקע גוט אַ קאָנצערט, אָבער מען האָט געדאַרפט האָבן מער לעקציעס, טאָן אויפקלערונגס־אַרבעט.

ניט איינמאָל האָט הירשקע געטראַכט: ווען ער קען רעדן אָט אַזוי ווי די חברים לעקטאָרס, ער וואָלט אַלע טאָג געהאַלטן לעקציעס, דערקלערט די חברים אַלץ ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

אַן אומגליקלעכער איז הירשקע אַרומגעגאַנגען, ווען די רעכטע האָבן געהאַט אַן אונטערנעמונג און אין זיין קלוב איז געווען שטיל. ווי אויף צו להכעיס האָט אין בלאָק ווייטער זיך געפונען אַ קלוב פון די רעכטע.

האָט חבר הירשקע דערזען, אַז אין זייערע פענצטער איז אָנגע־צונדן די עלעקטריק און מענטשן גייען אַהינצו, האָט זיך אים דאָס האַרץ אָפּגעריסן. איז ער אַריין צו זיך אין קלוב און אָנגעצונדן אין אַלע צימערן די עלעקטריק. אַ חבר, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל און געלייענט, האָט עס באַמערקט:

— חבר הירשקע, צו וואָס טוט איר עס? צו וואָס צינדט איר אָן די עלעקטריק אין אַלע צימערן?

הירשקע שמייכלט פאַרלאָרן. און מיט זיינע גראָבע ליפּן זאָגט ער:

— זאָלן זיי מיינען, אַז ביי אונדז איז אויך פריילעך.

**
*

ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט. קיינער איז אין קלוב ניט געווען. אין אַ ווינקל איז געזעסן חבר הירשקע איבערגעבויגן איבערן טיש. דער טיש איז געווען פאַרוואָרפן מיט ביכער, צייטונגען און פּאַפּירן. ער האָט זיך געגרייט צו אַ לעקציע. ער האָט געפירט מיטן פינגער איבער די שורות פון אַ בוך. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, לאַנג עפּעס איבערגעטראַכט און אויף שנעל עפּעס אָנגעשריבן. דערנאָך עס גלייך אויסגעמעקט. אוי, ער ווייסט שוין וועגן וואָס ער וועט רעדן. ער וועט רעדן וועגן די פינף־יאָריקע פּלענער. אונדזערע חברים קלייבן זיך נאָך שוואַך פונאַנדער אין דעם ענין. ער וועט רעדן אויספירלעך. ער האָט גלייך פאַרצייכנט: ד י פ י נ פ י אָ ר י ק ע פּ ל ע נ ע ר.

ווי זאָל ער אָנהויבן? אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט, האָבן אים די אותיות געשווינדלט פאַר די אויגן. ער האָט מער ניט געקענט טראַכטן. די ווערטער: די פינפיאָריקע פּלענער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין זיין מוח, ווי אַ פאַרקאָן, און פאַרשטעלט וועלכן עס איז געדאַנק. אַ מידער האָט ער געטראַכט:

„אַי, עס איז דאָך דאָ אַזויפיל צו זאָגן וועגן די פינפיאָריקע פּלענער. און ער איז ווידער געבליבן שטיין ביי דעם זעלביקן זאַץ. די געדאַנקען זיינען געקראָכן ווי שווערע וואָלקנס. ער האָט געפּרואווט זיי צונויפקלייבן, נאָר די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. דער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די הענט און ער איז געשמאַק איינגעשלאָפן.

אויפן טיש איז געלעגן אַ ווייס פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן:

ד י פ י נ פ י אָ ר י ק ע פּ ל ע נ ע ר.

באַוערי

באַוערי. דער „עלעוויטער“ קלאַפּט איבערן קאָפּ. פאַרטויבט די רייד. מענטשן בלאָנקען אַרום ווי שאָטנס. יעדער פּנים זאָגט: אַמאָל געווען אַ מענטש... גע׳חלומ׳ט, געהאַט פאַרלאַנגען, געשטרעבט. היינט — איין פאַרלאַנג: עסן, עסן, עסן...

די קליידער אויף די מענטשן, וואָס שלייכן פאַרביי אויף דער באַוערי, דערציילן, אַז אַמאָל האָט מען זיי געקויפט. שוין לאַנג, יאָרן לאַנג... איצט גייען זיי ניט אַראָפּ פון די קערפּערס... סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט... ווי צוגעוואַקסן צום לייב. איינגעגעסן זיך אין לייב...

מענטשן גייען. וואוהין? וואוהין גייען מענטשן? ווייסן ניט די מענטשן וואוהין זיי גייען... דרייען זיי זיך אויף דער באַוערי אַהין און צוריק. שאָטנס פון מענטשן. אויגן, וואָס זוכן אין אָפּפאַל... אויגן, וואָס שלינגען די שפּייזן דורך די שויבן פון די קראָמען... אויגן, וואָס זוכן אויף די טראָטואַרן אַ שטיקל פּאַפּיראָס, וואָס אימיצער האָט אַוועקגעוואָרפן. און אַז מען געפינט עס, גיט מען עס אַ כאַפּ, ווי אַן אוצר... מען קוקט זיך אַרום, אַ צווייטער זאָל ניט אויסכאַפּן.

מענטשן... אַמאָל, אַמאָל געווען אַ מענטש. געהאַט פאַרלאַנגען. היינט — איין פאַרלאַנג: עסן, עסן...

שאָטנס פון מענטשן שלייכן זיך איבער דער באַוערי. פאַר די לעצטע פּעניס זיך אָנגע׳שיכור׳ט, שטילן דעם הונגער, זיך דער־וואַרעמען.

מענטשן מיט פאַרשטשעמעטע מיילער. מיט אונטערגעהאַקטע אויגן. איינגעפאַלענע באַקן. באַוואַקסענע. מיט צעשויבערטע האָר, וואָס האָבן פאַרגעסן דעם טעם פון אַ קעמל.

און דער שניי פאַלט. פאַלט אויפן נאַקעטן קאָפּ, אין נאַקעטן האַלדז, צעגייט אויפן לייב. פאַרשטאַרטע פינגער פון די הענט זוכן אַ וואַרעמען פלאַץ.

מענטשן, שאָטנס פון מענטשן. מיט אויגן פאַרלאָפענע מיט בלוט, וואָס זוכן עפּעס אָפּצועסן. אַ האַנט ציט זיך אויס צו אַ פאַרבייגייער: שענקט אויף אַ טעפּל קאַווע.

געשעפטן אויף דער באַוערי. פאַרשטויבטע פענצטער. אָפּגעהאַקטע טירן. אַלט, ווי די מענטשן אַרום. מיט ביליקע מאכלים. מציאות. פאַר 5 סענט אַ פרישטיק מיט בייקאָן. פאַר 10 סענט אַ „סטיו". 10 סענט אַ „הערקאַט". אַלטע אָפּגענוצטע אָנצוגן, מאַנטלען.

אימיצן איז איינגעפאַלן צונויפקלייבן הילצערנע קעסטלעך און מאַכן אַ פייער. ברענט דאָס האָלץ, קנאַקט דער פייער. דער פלאַם רייסט זיך צום הימל, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען פון דער באַוערי.

שטייט אַ מענטש לעבן פייער. דער קאָפּ איינגעבויגן. פון נאָז רינט. ער טראַכט ניט אָפּצואווישן די נאָז. אים אַרט עס ניט, און ניט ער שעמט זיך פאַר מענטשן. ער האָט פאַרלאָרן יעדן חוש פון אַ מענטשן. דער פייער באַשיינט זיין פּנים. אַ מאַן פון אַ יאָר 40 און זעט אויס פון 60. בלאָטע פון ניט וואַשן זיך איינגעגעסן אין די קנייטשן פון זיין פּנים, פון זיין שטערן. אויגן רויטע, אָנגעצונדענע. הענט אָן קראַפט הענגען נאָך. ליפּן פאַרטריקנט. ער קוקט אויפן פייער. ווען ער וואָלט געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אַ וואַסער, וואָלט ער, דאַכט זיך, דאָס זעלביקע געפילט. אַמאָל געווען אַ מענטש. היינט — אַ שאָטן פון אַ מענטש.

צוויי שיכור'ע מענער שטייען. פאַרוואָרפן די קעפּ איינער אויף דעם אַנדערנס אַקסל אוןביידע וויינען. צוויי מענטשן מיט גרויע קעפּ וויינען.

קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. אַ געוויינטלעכע דערשיי־נונג אויף דער באַוערי.

אַ מענטש, איינגענורעט, איינגעקאָרטשעט, טוליעט זיך צו אַ שטיינערנער וואַנט פון אַ געביידע, ווי אַ זעקל שמאַטעס. דער נאַ־סער שניי פאַלט אויף אים ווי אויפן שטיינערנעם צעבראָכענעם טראָטואַר. ער ליגט ווי אַ הונט, וואָס דער באַלעבאָס האָט אַרויס־געוואָרפן.

אָט ליגט אַ שיכור'ער אין מיטן גאַס און רעדט אויס זיין ביטער האַרץ. פון זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן און צעפוילטע ציין קומען אַרויס קלאַנגען, ענלעכע אויף ווערטער. פון די אויגן גיסן טרערן. נאָר קיינער הערט זיך ניט צו צו אים. מען שפּרייזט אַריבער און מען גייט ווייטער, ווי עס וואָלט אַ שטיין געלעגן אין מיטן וועג...

שווער אָט די געוועזענע מענטשן צו פאַרבינדן אין געדאַנק מיט אַ וואַרעמער היים, מיט אַ ווייב און קינדער. עס דאַכט זיך, אַז זיי זיינען געבוירן געוואָרן דאָ אויף דער באַוערי.

זיי גייען אַרום, אָט די געוועזענע מענטשן, ווי פאַרוואָרלאָזטע הינט, טשאַטעסווייז. איינער געראָטן אין צווייטן. אַלע ווי איינער. מענטשן. שאָטנס פון מענטשן.

אינהאַלט:

זייט

אַ בראָדווייער פאַרגעניגן 3
מירענדא 7
די טאַנטע פון נאָרפאָלק 11
לעבן 18
קאָרטן 21
איר הייזקע 26
דער געשעפטסמאַן 30
די שיף ברענט 34
סעמי אין בירא־בידזשאַן 38
מעריס ערשטע אַנטוישונג 43
אַ לעבן 49
דער ציין־דאָקטאָר 59
דאָס הערבעלע 63
שווער פאַרהאָרעוועט געלט 67
אַרויסגעוואָרפענע 71
איר אומגליק 79
פאַרלאָרן אַ מיטאָג 82
די מאַמע 87
די קינדערלאָזע 90
דער מאַן מיט די פינאַטס 96
פראָטעסט 98
אַ מיידל אָן אַ דאַך 100
אַ מענטש אָן אַ היים 103
חבר הירשקע 106
באַוערי 109